STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06285

DER URSHPRUNG FUN PEYSEH

Hyman B. Bass

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבעטן פון אידישן היסטאָרישן סעמינאַר
אונטער דער לייטונג פון דר. יעקב שאַצקי

באַנד איינס:

ה. בעזפּראָזוואַני (בע־ני)

דער אורשפּרונג פון פּסח

ח. בעזפּראָזוואַני (בע—ני)

דער אורשפּרונג פון פּסח

אַרויסגעגעבן פון דעם אידישן היסטאָרישן סעמינאַר
1926 ניו יאָרק תרפ"ו

Copyrighted by
H. Besprosvany
1926

טרייענגל דרוקעריי, 112 פערטע עוועניו, ניו יארק, נ. י.

איינלייטונג

די אַרבעט, וועלכע דער לעזער האָט פאַר זיך איז דער ערשטער באַנד פון אַ ריי וויסנשאַפטלאַכע פאָרשונגען פון דעם אידישן היסטאָרישן סעמינאַר אין ניו יאָרק.

יאַנואַר 1925 האָט זיך פון אַ גרופּע תּלמידים פון די אַרבעטער רינג לערער קורסן אָרגאַניזירט אַ סע־מינאַר פאַר פּראַקטישע אַרבעטן אויפן געביט פון אידישער געשיכטע אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט.

דער צוועק פון דעם סעמינאַר איז: פאַרטיפן די ידיעות אין דער אידישער געשיכטע, באַקענען זיך מיט די קוועלן און פאָרשונגס־מעטאָדן און צוטרעטן צו באַ־אַרבעטן אַזעלכע מאָמענטן, עפּיזאָדן אָדער טיילן פון דער אידישער געשיכטע אין ברייטסטן זין פון וואָרט — וועלכע זיינען אָדער אינגאַנצן נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, אָדער די פאָרשונגען קענען שוין דעם מאָדערנעם לעזער ניט באַפרידיקן צוליב מעטאָדאָלאָגישע אָדער אַנדערע סיבות. די גרופּע תּלמידים וועלכע האָבן אנטייל גענומען אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך באַקענט מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פון געשיכטס־פאָר־שונגען, מיט ביבליאָגראַפיע און קוועלן־זאַמלונגען און נאָך דעם, איז יעדער פון זיי צוגעטראָטן צו אַ זעלבסט־שטענדיקע אַרבעט איבער אַ טעמע, וועלכע דער לייטער פון סעמינאַר האָט אים געגעבן, אָדער, איבער אַ טעמע, וועלכע האָט אים שוין פון פריער אינטערעסירט.

אין משך פון די קנאַפּע צוויי יאָר צייט זיינען אויס־געפירט געוואָרן אַ גאַנץ ריי פון אַרבעטן: פריער קלע־נערע, אַזוי גערופענע פאָרשטודיען, וועלכע זיינען

לכתחילה נישט געווען באַשטימט כדי פאַרעפנטליכט צו ווערן און שפּעטער שוין גרעסערע, זעלבסטשטענדיקערע און ברייטערע — וועלכע ווערן יעצט פאַרעפנטלאַכט.

די דאָזיקע אַרבעטן זיינען אַ ערנסטער צושטייער פאַר דער אידישער היסטאָריאָגראַפיע אַ דאַנק זייער נייעם צוגאַנג צו אַלטע פּראָבלעמען, אָדער, אַ דאַנק זייערע נייע קוועלן־מאַטעריאַלן.

די ערשטע אַרבעט פון ח. ב ע ז פ ר א ז װ א נ י איבערן „אורשפּרונג פון פּסח" — איז געווען אויסגעפירט אין דעם סעמינאַר — אָבער צו דער טעמע איז איר מחבר געקומען גאָר זעלבסטשטענדיק.

אַזוי ווי די דאָזיקע טעמע האָט צו טאָן מיט יענער עפּאָכע פון דער אידישער געשיכטע — וועלכע גייט נישט אַריין אין די פאָרשונגס־ראַמען פון דעם אידישן היסטאָרישן סעמינאַר — דעריבער האָט זיך אין דעם פאַל די גאַנצע אויפגאַבע פון דעם לייטער פון סעמינאַר באַגרע־ניצט נאָר מיט מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען און ביבליאָ־גראַפיע... די גאַנצע אַרבעט סיי אַלס קאָנסטרוקציע, סיי אַלס אַ פּראָבלעם, איז אַ אָריגינעלער פאַרדינסט פון דעם מחבר גופא.

די אַנדערע אַרבעטן, וועלכע ווערן אויסגערעכנט צום סוף פון דעם באַנד, וועלן דערשיינען אין גיכן לויט דעם סדר ווי זיי זיינען אָנגעגעבן אין דער רשימה.

צום סוף וויל איך באַמערקן, אַז יעדער מחבר איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די וויסנשאַפטלאַכע מיינונגען, וועלכע ער זאָגט אַרויס אין זיין אַרבעט.

דר. יעקב שאַצקי

ניו יאָרק, דעם 15טן אויגוסט, 1926.

הקדמה

פאר די לעצטע צען יאר איז אין אידיש, אזוי ווי אומבאמערקט, אויסגעוואקסן א היפשע ליטעראטור וועגן ביבל־קריטיק און אלטער אידישער געשיכטע.

ביי אונז איז דאס א נייער צווייג. אין אנדערע שפראכן, איבערהויפט אין דייטש, ענגליש, איז שוין ז י י ע ר פ י ל געשריבן געווארן כדי אויפצוקלערן דאס אידישע לעבן פארצייטן.

נאטירלאך זיינען דאס רוב ביכער, וואס זיינען, אין אידיש וועגן דעם ענין דערשינען, איבערזעצונגען, אנטאלאגיעס א. ד. גל. בלויז געציילטע פון זיי זיינען זעלבסטשטענדיק דורכגעטראכטע וויסנשאפטלאכע פארשונגען.

דאס לאזט זיך פארשטיין. מען האט אין זינען געהאט דעם אידישן לייענער, וואס איז נאך אפשר ניט צוגעגרייט צו שווערערע פארשונגען אויפן געביט פון אידישער געשיכטע. דער אויסקוק אויפן לייענער האט אויך גורם געווען מען זאל אויסקלייבן מער א ל ג ע מ י י נ ע און ניט קיין ספעציעלע טעמעס. דאס איז געווען א געזונטער קוק. מען האט געמוזט באשאפן די נ ו י ט י ק ס ט ע האנט־ביכער, וואס זאלן דעם לייענער געבן א צוטריט צו דער תנ"ך־וויסנשאפט. ווי מיר שיינט איז די דאזיקע נויט אויף א געלונגענעם אופן פארענטפערט געווארן.

אצינד האט זיך שוין במילא געשאפן די מעגלאכקייט אויך פאר ס פ ע צ י ע ל ע פארשונגען, וואס זאלן זיין געווידמעט פארשיידענע פראגן פון דער אלטער געשיכטע. אזא ס פ ע צ י ע ל ע פארשונג איז אייגנטלאך אויסן צו זיין די פארליגנדיקע אפהאנדלונג, וועגן דעם אורשפרונג פון פסח.

די א ק ט ו ע ל ק י י ט פון דער טעמע ווארפט זיך

אפשר ניט אזוי שטארק אין די אויגן. אין די געשיכטע־ביכער און אפילו אין די „העברעאישע ארכעאלאגיעס“ געפינט מען זייער ווייניק וועגן דעם ענין.

דאס נעמט זיך אבער בלויז דערפון, וואס מען האט נאך ניט איינגעזען די שותפות און די שייכות, וואס דער אויפקום און די אנטוויקלונג פון פסח האבן געהאט מיט דער סאציאלער סביבה און מיטן גאנצן גערעגעדוואך פון דער אלטער וועלט.

באמת איז פאראן א נאענטער צוזאמענהאנג אפילו צווישן אזעלכע, פון אויבן אויף, ווייטע אבער, היסטאריש און פסיכאלאגיש גענומען, זייער נאענטע פירונגען און אינסטיטוציעס, ווי א שטייגער: מלה און פסח, מלה און דאס מקריב זיין אדער „אויסלייזן“ פון די בכרים א. ד. גל. דער דאזיקער צוזאמענהאנג פון די כל־ארליי פירונגען און מנהגים האט מיך אייגנטלאך פאראינטערעסירט און געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט צום אורשפרונג פון פסח.

די פארליגנדיקע אפהאנדלונג וועגן פסח איז מיין ערשטע גרעסערע ארבעט אויפן געביט פון ביבל־קריטיק.

פאראינטערעסירט זיך מיט דעם ענין פון תנ״ך־וויסנשאפט האב איך ערשט אין די יארן 1922—1924, ווען איך בין געווען א תלמיד פון דעם ארבעטער רינג לערער סעמינאר אין ניו יארק.

פריינד ח י י ם ש ו י ס האט דעמאלט געגעבן צוויי קורסן: איינעם — אידישע געשיכטע, א צווייטן — ביבל־קריטיק.

אידישע געשיכטע האב איך נאך מיט א צייט פריער געהאט געלערנט אבער ביבל־קריטיק איז פאר מיר געווען א נייס, אן אנטפלעקונג. מיט גרויס התמדה האב איך זיך גענומען שטודירן די מקורות. א דאנק דער פריינטשאפט און הילף פון פר. ח. שויס איז מיר דעמאלט געלונגען צו באקענען זיך נעענטער מיט דער ביבל־קריטישער ליטעראטור און פארנעמען, במשך פון דער צייט, עטלאכע קליינע קריטישע פרואוון.

די דאזיקע לעצטע אפהאנדלונג וועגן דעם אורשפרונג פון פסח, וואס איך ליג דא פאר דעם לייענער, איז פארטראכט געווארן אין די ווינטער־מאנאטן פונם יאר 1925 און איז אויסגעפירט געווארן אין דעם היסטארישן סעמינאר פון ד ר. י ע ק ב

ש א צ ק י. אין דעם דאזיקן ענגן קרייז האָב איך געפונען דעם סטימול און דעם אויסדויער פאַר דער אַרבעט, וואָס איך האָב מיט קליינע איבעררייסן געשריבן.

דר. שאַצקי האָט מיר פיל אַרויסגעהאָלפן מיט מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען. ער האָט מיר געהאָלפן צוזאַמענשטעלן די ביבליאָגראַפיע, וואָס איך האָב נויטיק געהאַט כדי צו באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע זייטן פון דער פראַגע. א דאַנק זיינע באַמיאונגען וועט איצט די אַרבעט דערזען די ליכטיקע שיין. פאַר דעם היסטאָרישן סעמינאַר איז די אַרבעט געלייענט געוואָרן חלקים־ווייז, די זאַכלאַכע קריטיק פון דר. י. שאַצקי און פון די חברים איז שטענדיק גענומען געוואָרן אין אַכט.

טיילן פון דעם מאַנוסקריפט האָב איך אויך פאַרגעלייענט פאַר פר. ח. שוים'ן. מיט זיינע ווערטפולע באַמערקונגען האָב איך זיך פיל גערעכנט.

דעם מחבר זיינען וואויל באַקאַנט די דעפעקטן פון דער אַרבעט.

כדי באמת קלאָר און דייטלאַך צו אַנטוויקלען די טענות, וואָס איך האָב במשך פון דער פאַרשונג אַרויסגעבראַכט, וואָלט נויטיק געווען אָנצושרייבן א מ ע ר א ו י ס פ י ר ל א ד ו ו ע ר ק. צוליב פערזענלאַכע אומשטענדן, איבערהויפט אָבער צוליב די דרוק־באַדינגונגען, האָב איך זיך געמוזט דערוויל באַנוגענען מיט אָט דער פ א ר ק י ר צ ט ע ר, פראַגמענטאַרישער פאָרם פון דער אַרבעט, ווי זי איז איצט.

א גרויסע מניעה במשך פון דער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן דער מאַנגל אין פאָראַרבעטן, ווענן א גאַנצע ריי וויכטיקע פראַגן, וואָס זיינען נוגע דעם ענין. איך האָב זיך אין אידיש כמעט ניט געהאַט אויף וואָס סומך צו זיין.

דאָס איז די איינציקע אורזאַך, פאַרוואָס עס קומען אַזוי פיל לאַנגע ביילאַגעס צום סוף פון בוך. זיי זיינען טיילמאָל אפילו צו גרויס אין פאַרגלייך מיטן לכתחילהדיקן טעקסט. קיין אַנדער ברירה האָב איך אָבער ניט געהאַט. בנוגע דער ביבליאָגראַפיע וויל איך באַמערקן, אַז אין איר ווערן דערמאָנט בלויז די ווערק מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט. די ביבליאָגראַפיע פּרעטענדירט

דעריבער ניט אויף אויספירלאכקייט. און וויל ניט אויסשעפן דעם ענין.

צום סוף וויל איך זיך באנוצן מיט דער געלעגנהייט און אויס־דריקן א דאנק די חברים און פריינד פון די ארב. רינג לערער קורסן און פון דעם לערער סעמינאר, וועלכע האבן געהאלפן ארויס־געבן דאס בוך דורך זאמלען אבאנענטן אין פאראויס.

ח. בע—ני (בעזפראזוואני)

ניו יארק, 1926

קאפיטל I

אַריינפיר

די יומים־טובים, פונקט ווי די מנהגים, ווי די פירונגען, ווי די געזעצן, ווי דאָס גאַנצע לעבן פון׳ם פאָלק ישראל האָבן זיך אין משך פון זיין געשיכטלאַכער אַנטוויקלונג שטאַרק געענדערט.

דער פסח פון די האַלב־נאָמאַדישע שבטים אין מדבר איז געווען עפּעס אַנדערש ווי דער פסח פון די אידן אויפן באָדן פון כנען, אַלס פאָלק, וואָס לעבט שוין פון אַגריקולטור.

דאָס פייערן פון פסח אין דעם יאָר 621 אונטערן קעניג יאשיהו אונטערשיידט זיך ווידער אַזוי שטאַרק פון אַלע פריי־ערדיקע פייערונגען, אַז דער פאַרפאַסער פון מלכים ב׳ (קאַפּ. כ״ג, פּסוק 20) געפינט פאַר נויטיק צו באַמערקן: אַזאַ פסח ווי אין דעם אַכצנטן יאָר פון׳ם קעניג יאשיהו איז נאָך קיינ־מאָל אין ירושלים ניט געזען געוואָרן.

אונטער דער השפּעה פון די גרויסע נביאים און אַלס רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער און רעליגיעזער רעפאָרם אונ־טער דעם קעניג יאשיהו איז דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענע לעבן גענומען אָפּגעשאַצט ווערן גאָר אויף אַן אַנדער אופן.1)

מען זוכט די אַלטע יומים־טובים צו באַפרייען פון דער ערד און פון דער סטאַדע מיט וועלכער זיי זיינען לכתחילה גע־ווען פאַרבונדן. די געשיכטלאַכע מאָטיווירונג ווערט זייער חשוב.

דער חג הפסח, וואָס די אידן האָבן געבראַכט פון מדבר 2) און דער חג המצות, וואָס זיי האָבן איבערגענומען אויפן באָדן פון כנען 3) ווערט דעמאָלט (אין יאָר 621) פאַרבונדן אין איין

גרויסער נאַציאָנאַלער פּייערונג, וואָס קומט פאָר אין דעם צענטראַלן הייליקטום, אין ירושלים און הערט דערמיט אויף צו זיין אַ יום־טוב פון איטלאַכן דאָרף און פון איטלאַכער פאַמיליע באַזונדער. 4) דער דאָזיקער נייער יום־טוב ווערט געשטעלט אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ טראַדיציע, וואָס האָט געוואוסט פון אַ שייכות צווישן פסח און יציאת־מצרים; דער פריערדיקער יום־טוב פון דער סטאַדע ווערט אַצינד אַ יום־טוב פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

דער גלות בבל, וואָס מאַכט די אידן פאַר אוים מלוכה־פאָלק, צייגט נאָך טיפער און בולטער די פריער דערמאָנטע טענדענץ צו פאַרגייסטיקן און פאַרגעשיכטלאַכן 5) די אַלטע יומים־טובים.

ווארום ניט די ערד איז דאָך איצט דער באַנד, וואָס האַלט צוזאַמען די פאַרטריבענע, נאָר די בשותפישע טראַדיציע און דער עלנט פון אַ פאָלק, וואָס איז אָקאָרשט אוועקגע־ריסן געוואָרן פון זיין לאַנד.

דאָס נייע לעבן אין דער נייער סביבה מיט די נייע באַ־גריפן, וואָס די אידן האָבן איינגעזאַפּט אין גלות בבל ברענגען אין משך פון דער צייט אַריין אַ סך נייע ענדערונגען סיי בנוגע דער צייט, סיי בנוגע דעם אָרט און סיי בנוגע די אַנ־טיילנעמער אין די פייערונגען פון פסח.

ווען מיר פאַרגלייכן דעריבער אַלע פאַראַנענע טראַדיציעס, וואָס זיינען אונז דערהאַלטן (פון אַן ערך צוויי־אַ־האַלב ביז דריי טויזנט יאָר), באַקומען מיר אין אַלע פּרטים זייער אַן איינגאַרטיק בילד.

בנוגע דעם, ווען דער יום־טוב זאָל געפייערט ווערן.

ער ווערט געפּראַוועט אין דער פולער לבנה נאַכט, פרי־לינגס צייט, ווען דער טאָג איז גלייך מיט דער נאַכט. 6)

דאָך פאַרבינדט זיך מיט דער ביידערנאַכטיקער פּייע־רונג 7) אַ זיבן טעגיקער חג המצות, וואָס איז די אורשפּרינג־לאַכע קאַלענדאַרן פון יהוה'איסט 8) ניט באַקאַנט.

בנוגע דעם אָרט אונטערשיידן זיך די טראַדיציעס אויך זייער פיל. לויט איין טראַדיציע ווערט פסח געפייערט אינ־

דערהיים (שמות י״ב 4, 22). לויט א צווייטער טראַדיציע איז א לאָקאַלן הייליקטום (שמות ל״ד 25); לויט א דריטער טראַדיציע אין א צענטראַלן הייליקטום (דברים י״ו 6; דברי הימים ב׳ 30).

בנוגע די אנטיילנעמער איז פסח: לויט שמות ל״ד 23 אויסשליסלאַך א מענער יום־טוב. מיר הערן אָבער אויך (אין שמות י״ב 3, 21) פון פסח אַלס א פאַמיליען יום־טוב.

מער ווי אין אַלץ זיינען די אונטערשיידן גרויס אין דעם ווי אזוי דער יום־טוב זאָל געפייערט ווערן.

אַלע טראַדיציעס פאַרלאַנגען די באַזייטיקונג פון געזייערטן ברויט. 9) אחוץ שמות כ״ב 21 און יחזקאל מ״ה פאַרלאַנגען אַלע טראַדיציעס דעם ביידערנאַכטיקן מאָלצייט, פון וועלכן עס מוז אויף מאָרגן גאָרניט איבערבלייבן.

אָבער דער קרבן ווערט געוויילט לויט שמות כ״ב פון שאָף און ציגן; לויט דברים י״ו 2 פון שאָף און רינדער.

לויט שמות י״ב 21 און ווייטער באַשטייט דער ג א נ צ ע ר פסח־ריטואַל אין דעם שטרייכן פון בלוט אויף די ביי־שטידלען פון די טירן.

לויט שמות י״ב 1־12 איז דאָס שטרייכן פון בלוט בלויז א ט י י ל פון דער פייערונג.

אנדערע מקורות ווייסן אינגאַנצן ניט פון אזא בלוט־ריטוס, אָדער לאָזן דאָס בלוט אפליצירט ווערן ביים מזבח אין טעמפל. (דברי הימים ב׳, קאַפּ. ל׳ 16; ל״ה 11).

יחזקאל מ״ה קען אינגאַנצן ניט קיין באַזונדערן פסח־מאָלצייט. דער קרבן פסח ווערט לויט שמות י״ב; פסחים 7 — געבראָטן; לויט דברים י״ו געקאָכט.

אויך וואָס שייך די יעניקע, וואָס דאַרפן מקריב זיין דעם קרבן־פסח, זיינען פאַראַן סתירות צווישן די מקורות. באַזונדערע קרבנות פאַר דער גאַנצער עדה ווערן פאַרגעשריבן פון יחזקאל מ״ה, ויקרא כ״ג, במדבר כ״ט, אָבער ניט פון שמות ל״ד און דברים י״ו.

די ביטערע קרייטעכער (וואָס ווערן דערמאָנט אין שמות י״ב און ווערן נאָך ביזן היינטיקן טאָג באַנוצט ביים סדר,

אויך ביי די שומרונים), זיינען די שטעלן שמות ל"ד און דברים י"ו אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

אפילו די איינגסטע שיכט אין חומש, די תורת כהנים, (פּריסטער־שריפט), וועלכע שטאַמט פון דער נאָך גלות צייט און פון וועלכער מיר דערוויסן זיך כמעט אַלע איינצלהייטן איבער די פּסח־ריטואַלן, קען ניט דעם ווייַן, וואָס איז פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג אין דעם סדר היינטצוטאָג. 10) די אונטערשיידונג פון די ערשטע און די צווייטע טעג פּסח איז ערשט פון דער תורת כהנים איינגעפירט געוואָרן (במדבר ט).

די אונטערשיידונג פון פּסח מצרים און פּסח לדורות ווערט ערשט פון דער משנה געמאַכט (פּסחים 9, 5).

אַרום און אַרום זעען מיר פון דעם פריער געבראַכטן פאַר־גלייכונגס־מאַטעריאַל, אַז וואָס שייך דער צייט, דעם פּלאַץ, די אנטיילנעמער און די אופנים ווי אַזוי פּסח זאָל געפייערט ווערן איז פאַראַן בלויז אַ רעלאַטיווע איינשטימיקייט צווישן די מקורות. צום גרעסטן טייל צייגן אונזערע טראַדיציעס אָן אויף סתירות.

די דאָזיקע ווידערשפּרוכן זיינען אָבער ניט קיין שאָדן, קיין פאַרלוסט פאַרן היסטאָריקער, נאָר פאַרקערט, אַ גרויס געווינס! זיי צייגן אויך, אַז פּסח האָט שוין אין דער היסטאָ־רישער צייט, אויפן באָדן פון כנען, געהאַט אַ לאַנגע געשיכטע הינטער זיך.

די דאָזיקע געשיכטע אויסצופאָרשן, אויף וויפיל עס דער־לויבן אונז דאָס, נאַטירלאָך, די געשיכטלאַכע דאָקומענטן, איז די אויפגאַבע פון דער פאָרליגנדיקער פאָרשונג.

קאַפּיטל II

פסח אין דער מלוכה-צייט ביזן יאָר 621 פ. ק.

דער חג הפּסח ווערט אין דער מלוכה־צייט געפּייערט אין די פּאַס־טוכער קרייזן פון יהודה אלס יום־טוב פון דער סטאַדע.

מען ברענגט די ערשט־געבורטן פון די שאָף און פון די ציגן פאַר א קרבן צו יהוה׳ן פונקט אזוי ווי הבל, דער ערשטער פּאַסטוך, האָט זיי שוין געבראַכט (בראשית ד 4.)

קיין באַשטימטער דאַטום ווען פּסח זאָל געפּייערט ווערן איז נאָך אָבער ניט פאַראַן. פּסח איז דאָ ניט געבונדן ניט אַן קיין טאָג און ניט אַן קיין מאָנאַט.

אין שמות כ״ב 29 ווערט געזאָגט: „דער בכר זאָל בלייבן זיבן טעג ביי זיין מוטער און אויפן אכטן טאָג זאָלסטו אים געבן צו מיר״.

דאָס איז מסתמא געווען די צייט־באַשטימונג.

אזוי שנעל ווי די ערשט־געבורטן ווערן אַלט זיבן טעג, באַזוכט די גאַנצע פאַמיליע, צוזאַמען מיט די שקלאַפן און די דינסטן, א לאָקאַלן הייליקטום און דאָרט פּראַוועט מען דעם מאָלצייט.

קיין באַדייטנדיקן עולם פלעגן אָבער די פּייערונגען ניט צוזאַמענברענגען, ווארום זיי זייען געווען אָפּהענגיק אַן דער צאָל איינציקע בכרים, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן דורכן גאַנצן יאָר. 11)

דער מאָטיוו פון פּסח איז דאָ, וואַרשיינלאָך, געווען צו

געבן „דאָס בעסטע אַלס צייכן פון דאַנק". 12) ביי די דאַזיקע האַלבע פויערים און האַלבע נאָמאַדן האָט זיך די מדבר־טראַדיציע און די כנענישע בעל־רעליגיע אויסגעמישט אויף אַן אויסטערלישן אופן.

מען ברענגט די בכורים פון פעלד און מען ברענגט אויך די בכרים (די ערשטגעבוירטן) פון דער סטאַדע.

„פון די פרוכט פון דער ערד" קען מען ניט געבן דער גאָטהייט אַלע בכורים (דאָס גאַנצע „ערשטע") עס האָט ניט קיין זין. (וואו ענדיקט זיך דאָס „ערשטע" און וואו הויבט זיך אָן דאָס „צווייטע"?). מען נעמט דעריבער דאָס בעסטע פון ערשטן 13) און מען ברענגט עס צו דער גאָטהייט, כדי זי אריינצוברענגען אין אַ גינסטיקער שטימונג און צו פועלן ביי איר אַ גרויסע גערעטעניש דורך דעם אָפּפערן פון די בכורים און אַ גרויסן וואַרף אין דער סטאַדע דורך דעם אָפּפערן פון די בהמה'שע ערשטגעבוירטן 14).

די דאָזיקע פאָרם פון פסח, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט:

א) דורך אַ באַזוך אין אַ לאָקאַלן הייליקטום.

ב) דורך ברענגען דעם בכר פון די שאָף און ציגן.

ג) דורך דער מאָטיווירונג פון קרבן אַלס דאָס בעסטע — איז ניט אורשפּרינגלאַך און איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאָר אַלטער צייט.

א) ווייל פסח איז עלטער פאַר דער כנענישער צייט און איז פריי פון דעם שטעמפּל, וואָס די זעסהאַפטיקייט האָט אַרויפגעלייגט אויך אויף אָט דעם עכטן פּאַסטוכער יום־טוב.

ב) ווייל דאָס אָפּפערן פון שאָף און ציגן איז אין דער אַלטער צייט ניט דאָס וויכטיקסטע, אַלנפאַלס ניט גענוג; מען אָפּפערט אויך די מענשלאַכע ערשטגעבורטן (בכרים).

ג) ווייל די מאָטיווירונג פון קרבן אַלס דאָס בעסטע איז נאָך דעמאָלט ניט פאַראַן.

קאַפּיטל III

פּסח פאַר דער כנענ׳ישער צייט

פּ ס ח א י ז ע ל ט ע ר פ א ר ד ע ר כ נ ע נ י ש ע ר צ י י ט. אין דעם קומען זיך צונויף אַלע טראַדיציעס. עס איז אַ פּאַסטוכער יום־טוב, וואָס די אורשפּרינגלאַכע באַדייטונג זיינע ווערט אויפּן באָדן פון כנען אַ היפּש ביסל פאַרווישט. אין דער ערשטער צייט האָט זיך אָבער דער ווידערשפּרוך צווישן דעם חג הפּסח און די אַנדערע דריי גרויסע אַגריקולטורעלע ימים־טובים שטאַרק נעלאָזט פילן.

ניט אַלע זיינען שוין צופרידן מיטן נייעם שטייגער לעבן. ניט אַלע באַטראַכטן די זעסהאַפטיקייט פאַר אַ גליק 15) בלויז פון דער ווייטנס, ווען מען האָט אומגעוואַנדערט אין די סטעפּעס, האָט זיך כנען אויסגעוויזן ווי אַ לאַנד פון מילך און האָניק (חלב ודבש). 16).

אין בראשית ווערט שוין אָבער דאָס באַאַרבעטן די ערד באַטראַכט פאַר אַ קללה. לכתחילה האָט דער מענש, ווען יהוה האָט אים באַשאַפן, ניט באַדאַרפט אַזוי שווער אַרבעטן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיקער אומצופרידנקייט איז אויך דער זיכערער פאַקט, אַז אין דער צייט פון ירמיה׳ן האָט נאָך עקזיסטירט אַ סעקטע (רכבים), וואָס אירע צוגעהעריקע האָבן ניט געטרונקען קיין וויין, ניט געוואוינט אין קיין הייזער און אויך ניט באַאַרבעט קיין ערד (ירמיה 35).

אויך פאַר די נביאים איז די פּעריאָדע, איידער די בני־ישראל זיינען אַריינגעדרונגען אין כנען, די צייט פון ישראל׳ס

יונגטליבע מיט יהוה'ן ; דאס אריבערטרעטן פון קולטיווירטן לאנד ווערט אבער ביי זיי באטראכט אלס דער אנהויב פון דער ירידה. 17)

בכלל ווערט מיט דער צייט דער מדבר אין דער אידישער פאלקס־געשיכטע און פאלקס־ליטעראטור דער סימבאל פון פרייהייט.

הגר, ווען זי ווערט געדריקט און באליידיקט פון דער הארטע, אנטלויפט אין מדבר. משה, ווען זיין לעבן איז אין סכנה, ווייל ער האט געטויט דעם מצרי — אנטלויפט אין מדבר; דוד, ווען ער מוז זיך שיצן פון שמואלן — אנטלויפט אין מדבר. און אזוי כסדר 18).

אט די דאזיקע צוזאמענגעבונדנקייט מיטן מדבר, ווי אויך די סביבה פון כנען, וואס איז אין געוויסע באשרענקטע פלעצער גינסטיק געווען פאר פיצוכט, האט פיל געהאלפן, אז די טראדיציע פון פארלאפענעם נאמאדישן לעבן, זאל זיך, פאר א לאנגער צייט, דערהאלטן אין די ברייטע שיכטן פון פאלק.

די דאזיקע צוזאמענגעבונדנקייט מיטן מדבר, האט אויך אויפגעהיט די רעשטן פון דער פסח־טראדיציע און דערהאלטן, וואו אין א דייטלאכער און וואו אין א פארנעפלטער געשטאלט, די שפורן פונ'ם דאזיקן עכטן פאסטוכער יום־טוב.

די פולע איינשטימיגקייט, וואס האט עקזיסטירט צווישן די טראדיציעס בנוגע דעם פונקט, אז פסח איז עלטער פאר דער כנענישער צייט, פאלט אבער אוועק ווי נאר מיר ווילן זיך דער־ווּיסן, מער א י י נ צ ל ה י י ט ן וועגן דעם אורשפרונג פון פסח, מיר שטויסן זיך דא גלייך אן אויף דריי אויפפאסונגען, וואס ווי־דערשפרעכן זיך איינע די אנדערע.

לויט דער באקאנטער שטעל פון שמות כ"ב, און ווייטער איז פסח איינגעפירט געווארן דורך משה'ן אין דער נאכט פון יציאת מצרים.

אקעגן געהערט פסח (לויט שמות כ"ד 1; 2 ביז פסוק 28) צו יענע פירונגען, וואס די בני ישראל האבן ערשט אי־בערגענומען אויפן בארג סני אין דעם מדבר. לויט א דריטער אויפפאסונג איז פסח עלטער, ווי יציאת מצרים, דער יום־טוב, וואס די בני ישראל בעטן פרעה'ן, ער זאל זיי צוליב אים

אפלאזן אויף א קורצער צייט אין מדבר און זיי זאלן דערביי קענען מיטנעמען מיט זיך זייערע בהמות, וואס זיי געברויכן צום יום־טוב, איז ניט קיין אנדערער ווי דער יום־טוב פסח. 19)

וועלכע פון די דריי טראדיציעס איז די עלטסטע, די ריכ־טיקע? געווים ניט די ערשטע געשיכטע וועגן מלאך המשחית, וואס איז כלומרשט דורכגעגאנגען גאנץ עגיפטן און געטויט אלע בכרים פון די מצרים — די דאזיקע טראדיציע איז צו דייטלאך א וואונדער באריכט (פארגל. שמות כ"ב 13—23) און קען ניט זיין באגלויבט.

אויך איז זייער ניט ווארשיינלאך די אנדערע טראדיציע, אז משה האט ביים בארג סני, ביים איבערגאנג פון דער סטעפ צו קולטור „געגעבן" די אידן א יום־טוב, וואס ווארצלט, לויט זיין גאנצן מהות, טיף אין מדבר לעבן. עס לאזט זיך אויפן באדן פון קולטור ניט געפינען קיין שום גרונט פאר דעם אור־שפרונג פון חג הפסח.

די לעצטע טראדיציע, אז פסח איז עלטער פון יציאת־מצרים, איז דעריבער די ריכטיקע; ניט יציאת־מצרים האט פאראורזאכט דעם חג הפסח, נאר דער חג הפסח איז, פארקערט, געווען די אורזאך, אדער ריכטיקער, דער אויסרייד, פאר יציאת מצרים. 20)

דערביי דארף נאך צוגעגעבן ווערן, אז יציאת מצרים איז, לויט אלע מקורות, געשען אין פרילינג (שמות י"ב 2; י"ג 15; ל"ד 18; דברים י"ו פסוק 11). אויך פסח איז א פרילינג יום־טוב (שמות ל"ד).

קאַפּיטל IV

די ערשטע קרבנות

דאָס מקריב זיין פון שאָף און ציגן איז אין דער אַלטער צייט ניט דאָס וויכטיקסטע, אַלנפאַלס ניט גענוג. מען אָפּפערט אויך מענשלאַכע ערשטגעבורטן (בכרים).

דאָס מקריב זיין פון שאָף איז אין דער וועלט עלטער ווי דאָס מקריב זיין פון מענשלאַכע קרבנות. 21) פאַר דעם רעדט א) די רעלאַטיוו גרעסערע פאַרשפּרייטקייט פון די חיה'שע קרבנות איבער גאַר דער וועלט לגבי די מענשלאַכע און ב) אויף וויפיל דאָס איז נוגע די ת"נכ'ישע קוועלן — דער פאַקט, אַז יעדע שלאַכטונג איז ביי די בני ישראל געווען אויך אַ קרבן; יהוה'ס טייל איז באַשטאַנען פון בלוט, וואָס איז די טרעגערין פון לעבן, און וואָס דעם מענשן איז פון איר פאַרבאָטן צו גע־ניסן.

דאָך וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו דענקען, אַז קינדער קרבנות זיינען אַ פירונג, וואָס די בני ישראל האָבן ערשט איבערגענומען פון די כנענים.

די קריסטלאַכע וועלט האָט אַזויפיל מיסגעברויכט מיט דער אידישער טראַדיציע פון קינדער־קרבן, סיי אין די ברוטאַלע עלילת־דם בלבולים און סיי אין די מער ראַפינירטע כלומרשט וויסנשאַפטלאַכע אַנטיסעמיטישע אַנגריפן און פאַרוואורפן, אַז די אַפּאָלאָגעטישע פאַרשער, האָבן, אַלס מיטל פון זעלבסט פאַר־טיידיקונג, געמוזט לייקענען שטיין און ביין, אַז עפּעס ענלאַכס איז גאָר ביי אידן ווען פאָרגעקומען.

אויך אַ סך פון די קריסטלאַכע פאָרשער, אידן־פריינט, זיי־

נען גענייגט געווען, כדי מען זאָל זיי שלעכט ניט אויסטייטשן, לייזן די פּראָבלעם פון קינדער־קרבן אין דער ריכטונג, אז די אידן זיינען, לכתחילה, פריי געווען פון מענשלאַכן קרבן און אז זיי האָבן זיך ערשט שפּעטער אָפּגעלערנט אָט דעם גרויל פון די כנענים. עס וואָלט אָבער היינט געווען די גרעסטע עולה צו רעד־כענען זיך מיט אַזעלכע טעמים. איבערהויפּט, ווען עס איז א טעמפּקייט און א פארברעכן צו באשולדיקן א פאָלק פאַר חטאים, וואָס עס איז באגאנגען מיט דריי טויזנט יאָר צוריק און פאַר חטאים, וואָס די גאנצע וועלט איז אויף א גלייכן אופן באגאנגען. 22)

אויך דער געשריי פון די נביאים, אז קינדער־קרבנות זיינען יהוה׳ן דערווידער, און אז יהוה האָט קיינמאָל קיין קינדער־קרבנות ניט פארלאנגט, 23) ווייל דאָס איז געצנדינסט — איז ניט מחויב צו זיין אמת אין היסטאָרישן זין. די נביאישע פאָ־דערונגען אין נאָמען פון יהוה׳ן זיינען אייגנטלאַך ניט מער ווי פאָדערונגען אין נאָמען פון זייער עטישן באוואוסטזיין וואָס האָט אריבערגעשטיגן די באגריפן פון זייער צייט. אָט זיינען לויט ישעיה׳ן און לויט עמות׳ן א ל ע קרבנות, יהוה׳ן דערווידער 24) ; און עמות רופט זיך אָפּ — „האָט איר מיר דען געבראַכט קרבנות און מתנות אין מדבר אין משך פון פערציק יאָר, איר הויז ישראל?“

און פונקט ווי מיר זיינען ניט געבונדן מיט דער צווייטער דערקלערונג, ווייל די עלטערע היסטאָרישע מאַטעריאַלן ציינן אונז אויף שריט און טריט, אז קרבנות האָבן די בני ישראל, אַלס האַלבע נאָמאַדן, יאָ געבראַכט, אזוי דאַרפן מיר אויך ניט זיין געבונדן מיט דער ערשטער נביאישער באהויפּטונג, אז פון קיין קינדער־קרבנות האָבן די בני ישראל, איידער זיי זיינען געקומען קיין כנען, ניט געוואוסט. באזונדערס מעגן מיר חושד זיין אין אומהיסטאָרישקייט די דערקלערונג, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן די ״מדבר טענדענצן„ פון די נביאים, טענ־דענצן אויסצומאָלן אין די שענסטע פאַרבן די מדבר־צייט און פאַרשטעלן זי אַלס דעם אידעאַל דערפון, ווי אזוי מענשן דאַרפן לעבן אויף דער וועלט, אין היפך צו דער כנענישער, שטאָטישער

קולטור, וואָס האָט אריינגעבראַכט אזוי פיל סאָציאַלע איבלען אין דעם געזונטן קערפּער פון איינגעוואַנדערטן פּאַסטוכער־פאָלק (זע ביילאַגע 10).

אָט פון די אַלע נעגאַטיווע טעמים, ווי אויך פון דעם פאַקט, "אַז די בני ישראל זיינען פון דער זעלבער סעמיטישער אָפּשטאַמונג ווי די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געוואוינט, און אַז דאָס מקריב זיין פון די בכרים איז פעסטגעשטעלט ביי אַ סך צווייגן פון דער סעמיטישער ראַסע", וואָלט שוין אפשר, גענוג געווען צו דרינגען, אַז דער דאָזיקער מנהג איז עלטער ווי דאָס אריינדרינגען אין כנען. 25)

מיר פאַרמאָגן נאָך אָבער אַ גאַנצע ריי פּאָזיטיווע היסטאָרישע באַווייזן, דאָקומענטן און רעשטן פון אַלטערטימלאַכקייטן, וואָס ציינגן, סיי לויט זייער ליטעראַרישן כאַראַקטער און סיי לויט די טראַדיציעס, וואָס זיי אַנטהאַלטן, אַז די בני ישראל פלעגן (ווי אַלע סעמיטן) ברענגען קינדער־קרבנות, נאָך איידער זיי זיינען געקומען אין אַ מגע און משא מיט די כנענים, און אפילו אַ סך פריער פון יציאת־מצרים.

קודם כל איז דאָס די געשיכטע וועגן עקדת־יצחק. איינע פון די צאַרטסטע און איינע פון די רירנדיקסטע געשיכטן אין בראשית. הגם זי געהערט צו די אינגערע טיילן פון חומש (אלהיסט) פונדעסטוועגן איז אָבער די טראַדיציע, וואָס זי פאַרמאָגט פון גאָר אַ גרויסן קולטור היסטאָרישן ווערט. די לעגענדע דערציילט*):

"(1) און עס איז געווען נאָך דידאָזיגע געשעענישן, האָט אלהים געפּרואווט אברהם'ן, און האָט צו אים געזאָגט: אברהם! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך. (2) האָט ער געזאָגט: נעם דיין זון, דיין איינאיינציקן וואָס דו האָסט ליב, יצחק'ן, און גיי דיר קיין לאַנד מוריה, און ברענג אים דאָרטן אויף פאַר אַ בראַנד־אָפּפער אויף איינעם פון די בערג, וואָס איך וועל דיר זאָגען.

(3) האָט אברהם זיך געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט

---

*) פון יהואש'עס ביבל איבערזעצונג, געדרוקט אין ניו יאָרקער "טאָג", אָקט. 6, 1922.

אָנגעזאָטלט זיין אייזל, און גענומען מיט זיך זיינע צוויי יונ־
גען, און זיין זון יצחק'ן; און ער האָט צעהאַקט דאָס האָלץ
פאַר'ן בראַנד־אָפּפער, און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז גע־
גאַנגען צו דעם אָרט, וואָס אלהים האָט אים געזאָגט.

(4) אויף'ן דריטן טאָג האָט אברהם אויפגעהויבן זיינע
אויגן, און האָט דערזען דעם אָרט פון ווייטן. (5) און אברהם
האָט געזאָגט צו זיינע יונגען: בלייבט אייך דאָ מיט'ן אייזל,
און איך און דאָס אינגל וועלן גיין ביז אַהין, און מיר וועלן זיך
בוקן און זיך אומקערן צו אייך.

(6) און אברהם האָט גענומען דאָס האָלץ פאַר'ן בראַנד־
אָפּפער, און אַרויפגעטאָן אויף זיין זון יצחק'ן, און ער האָט
גענומען אין זיין האַנט דאָס פייער און דעם שלאַכט־מעסער,
און זיי זיינען ביידע געגאַנגען באַנאַנד. (7) האָט יצחק זיך
אָפּגערופן צו זיין פאָטער אברהם'ן, און האָט געזאָגט: מיין
פאָטער! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך, מיין זון. האָט
ער געזאָגט: אָט איז דאָס פייער און דאָס האָלץ, און וואו איז
דאָס לאַם פאַר אַ בראַנד־אָפּפער? (8) האָט אברהם געזאָגט:
אלהים וועט זיך שוין זען אַ לאַם פאַר אַ בראַנד־אָפּפער, מיין זון.
און זיי זיינען ביידע געגאַנגען באַנאַנד.

(9) און זיי זיינען געקומען צו דעם אָרט, וואָס אלהים האָט
אים געזאָגט; און אברהם האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח, און
האָט אויסגעלעגט דאָס האָלץ, און ער האָט געבונדן זיין זון
יצחק'ן, און אים אַרויפגעטאָן אויף'ן מזבח, איבער'ן האָלץ.
(10) און אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט
גענומען דעם שלאַכט־מעסער צו שעכטן זיין זון.

(11) האָט אַ מלאך פון אלהים גערופן צו אים פון הימל, און
האָט געזאָגט: אברהם! אברהם! האָט ער געענטפערט: דאָ
בין איך. (12) האָט ער געזאָגט: זאָלסט ניט אויסשטרעקן
דיין האַנט אויף'ן אינגל, און זאָלסט אים גאָרניט טאָן; וואָ־
רום איצט ווייס איך, אַז דו ביסט גאָטספאָרכטיק, אַז דו האָסט
ניט פאַרמיטן דיין זון, דיין איינאיינציקן, פון מיר.

(13) האָט אברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דער־
זען ערשט הינטן האָט אַ ווידער זיך איינגעדרייט מיט זיינע

הערנער אין א געצוויייג. איז אברהם געגאנגען, און האָט גע־נומען דעם ווידער, און האָט אים אויפגעבראַכט פאַר א בראַנד־אָפּפער אנשטאט זיין זון. (14) און אברהם האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט יהוה־יראה; אזוי ווי עס ווערט נאָך היינט געזאָגט: אויף דעם בארג פון יהוה ווערט געזען.

(15) און דער מלאך פון אלהים האָט גערופן צו אברהם'ען א צווייט מאָל פון הימל, (16) און האָט געזאָגט: איך שווער ביי זיך, זאָגט אלהים, ווייל דו האָסט געטאָן דיזאַזיקע זאַך, און האָסט ניט פארמיטן דיין זון, דיין איינאיינציקן, (17) אז בענטשן וועל איך דיך בענטשן, און מערן וועל איך מערן דיין זאָמען אזוי ווי די שטערן פון הימל, און אזוי ווי דער זאַמד, וואָס אויפ'ן ברעג ים; און דיין זאָמען וועט ארבן דעם טויער פון זיינע פיינט. (18) און בענטשן וועלן זיך מיט דיין זאָמען אַלע פעלקער פון דער ערד, דערפאַר וואָס דו האָסט צוגעהערט צו מיין קול.

(19) און אברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יונגען, און זיי זיינען אויפגעשטאַנען, און זיינען געגאַנגען באַנאַנד קיין באר־שבע. און אברהם איז געבליבן אין באר־שבע."

אין דער היינטיקער געשטאַלט פון דער געשיכטע זיינען שוין פארווישט די אטיאלאָגישע שפּורן.

עס זיינען ניט קענטיק מער די פראַגן אויף וועלכע זי האָט געדאַרפט ענטפערן.

זי איז פון א קולטישער געשיכטע געוואָרן א כאַראַקטער־בילד. דער „אלהיסט" ווייל אונז שילדערן אין איר די גאָטס־פאַרכטיגקייט פון אברהם'ען, וואָס איז גרייט אפילו אוועק־צוגעבן דעם איינציקן זון זיינעם, אויב יהוה פאַרלאַנגט עס נאָך. ער מאָלט פאַר אונז אויס אין דער פערזאָן פון אברהמען זיין רע־ליגיעזן אידעאַל. דער מאָטיוו פון קינדער־קרבן איז דאָ בלויז ארייַנגעבראַכט געוואָרן כדי קלערער און דייטלאַכער ארויסצו־ברענגען אברהמס גרויסן גלויבן, וואָרום ער ווערט געשטעלט פאַר א שווערן נסיון, שווער אפילו פאַרן גאָטספאַרכטיקן; דער שווערסטער נסיון, פאַר וועלכן א מענש קען נאָך געשטעלט ווערן. אין דער גלייכער צייט רעדט אָבער די לעגענדע וועגן

יהוה׳ס בארמהערציגקייט. ער דערלאזט ניט, אז יצחק זאל באמת געטויט ווערן. אבער דאך ווייסט דער דערציילער, אז הגם יהוה פארלאנגט ניט, לעצטנס, קיין קינדער־קרבנות, איז די מעגלאכקייט, אז יהוה זאל אזעלכע קרבנות פארלאנגען, ניט אויסגעשלאסן. [26]

די געשיכטע פראטעסטירט ניט, זי באטראכט ניט דעם קינדער־קרבן ווי א שרעקלאכן גרויל, וואס איז פרעמד און דער ווידער יהוה׳ן. זי פירט ניט קיין פאלעמיק און זי איז אויך פריי פונ׳ם האס און צארן מיט וועלכן די נביאים זיינען ארויסגעטראטן קעגן אט דעם שאנדפלעק פון זייער צייט. [27]

אן ענלאכער מאטיוו ווי אין דער געשיכטע פון עקדת־יצחק ווערט באהאנדלט אין דער געשיכטע וועגן יפתח׳ס טאכטער.

דער אונטערשייד איז בלויז דער, וואס יצחק ווער־ט אויסגעלייזט, אבער יפתח׳ס טאכטער ווערט געאפפערט. יצ.חק איז אן אומשולדיק קינד, בעת יפתח׳ס טאכטער איז א העלדישע מיידל, וואס גייט מיט איר אייגענעם ווילן צום טויט. „טו מיט מיר לויטן נדר, וואס דו האסט געגעבן" — זאגט זי צום טאטן.

די ראכע, וואס איר פאטער האט גענומען פון זיינע שונאים, פארזיסן איר דעם ביטערן טויט.

א חוץ דער געשיכטע וועגן עקדת יצחק און דער געשיכטע וועגן יפתח׳ס טאכטער פארמאגן מיר נאך די געזעצלאכע פאדערונגען, אז דער בכר געהערט צו יהוה׳ן און מוז אים געהייליקט ווערן. די שפעטערדיקע רעדאקציעס פון די געזעצביכער האבן זיי זיכער געזוכט עוקר מן השורש צו זיין, ווארום אנהויבנדיק פון ספר דברים איז דאס געזעץ געווארן דער אויסדרוק פון סאציאלער רעפארם, בעת פריער איז ער בלויז געווען דער אויסדרוק פון סאציאלע אומשטענדן. דאך איז, על פי נס, פארבליבן א שפליטער פון אוראלטער קולטישער פאראַרד־

נונג אין ויקרא, א בוך, וואָס אַנטהאַלט צום מערסטן דינים, טראַדיציעס און מנהגים ווי אַזוי צו דינען גאָט.

עס איז ניט קיין צופאַל, פאַרוואָס גראָד אין אָט דעם פּריסטער־לאַכן בוך איז אונז דערהאַלטן די דירעקטע געזעצלאַכע פאַר־דערונג, אַז דער בכור מוז געבראַכט ווערן פאַר יהוה׳ן — אַלס זאַמלונג פון קולטישע טראַדיציעס איז דאָס דאָזיקע בוך וויי־ניקער ווי וועלכעס ניט איז אַנדער בוך מסוגל געווען צו ענ־דערונגען.

ווארום אין דער אַלטער צייט ווערן רעליגיעזע ריטואַלן, וואָס פאַרלירן זייער אורשפּרונגלאַכע מאָטיווירונג ניט אָפּגע־שאַפט, עס ווערן צוגעגעבן, עס קומען צו נייע, אָבער די אַלטע בלייבן ס׳רוב עקזיסטירן; אוראַלטע רעליגיע איז מער א קופּע ניט פאַרבונדענע פּרטים, ווי א גאַנצער דורכגעמאַכטער סיסטעם.

די פאָדערונג, אין איר לעצטער רעדאַקציע, דריקט ניט אוים אויף אָן אָריגינעלן אופן דעם געדאַנק וועגן קינדער־קרבנות. זי באַציט זיך אויף א שפּעטערדיקער צייט און אויף מענשלאַכע קרבנות בכלל. די טראַדיציע, וואָס זי גיט איבער, איז אָבער זייער אַלט, דער פּסוק לייענט זיך אין א פרייער איבערזעצונג אַזוי :

— ווען עמיצער הייליקט פון זיין פאַרמעגן צו גאָט (יהוה) זאָל דאָס זיין א מענש, א בהמה אָדער וואָס ניט איז פון זיין פעלד, טאָר דאָס קיינמאָל ניט ווערן פאַרקויפט אָדער אויסגע־לייזט.

אַליץ, וואָס איז פאַר גאָט (יהוה) באַשטימט — איז זייער הייליק (קודש קדשים), ווען א מענש ווערט באַשטימט פאַר גאָט, טאָר מען אים ניט אויסלייזן, ער מוז ווערן געטויט (מות ימות — ד. ה. געבראַכט ווערן פאַר א קרבן) (ויקרא כ„ז 28, 29)

יהואש איבערזעצט דעם פערז ווערטלאַכער:

(28) אָבער קיין חרם־זאַך וואָס עמיצער וועט מאַכן חרם צו גאָט, פון אַליץ וואָס ער האָט , פון מענשן אָדער פון בהמות, אָדער פון דעם פעלד פון זיין אייגנטום, קען ניט פאַרקויפט ווערן, און ניט אויסגעלייזט ווערן; איטלאַכער חרם איז א הייליקסטע הייליגקייט צו גאָט. (29) קיין חרם וואָס ווערט געמאַכט חרם פון מענשן, קען ניט אויסגעלייזט ווערן; טויטן מוז ער געטייט ווערן

און ער גיט צו די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

*) ח ר ם, דער אורשפּרינגליכער מיין פון דעם וואָרט איז אַלע סעמיטישע לשונות איז, אַ זאַך וואָס איז אָפּגעזונדערט פאַר דעם געברויך פון אַ געוויסער גאָטהייט און איז פאַרווערט פאַר דעם וואָכעדיקן געברויך. אין תנ"ך ווערט געוויינלאַך פאַרשטאַנען אונטער דעם וואָרט אַ מענש, אַ בהמה אָדער אַזוי אַ קעגנשטאַנד, וואָס ווערט איבערגעגעבן צו פאַרניכטונג ענטוועדער ווי אַ קרבן געהייליקט צו גאָט, אָדער ווי אַ שטראָף פאַר אַ זינד באַגאַנגען אַקעגן גאָט. דער מענש אָדער די זאַך ווערט ט אַ ב ו, און מוז פאַרטיליקט ווערן. אַזוי ווערט דער וואָס שלאַכט צו פרעמדע געטער ח ר ם (שמות קאַפּ 22, פּסוק 19), און אַ געצנדינערישע שטאָט ווערט דאַסגלייכן איבערגעגעבן צו חרם (דברים קאַפּ. 13, פּסק 16) ביי פיינטלאַכע שטעט, וואָס ווערן איבערגעגעבן צו חרם נאָך אַ מלחמה, אונטערשיידט מען פאַרשיידענע מדרגות פון חרם; פאַלן וואו סאַי מענשן, סאַי אייגנטום ווערן פאַרטיליקט; פאַלן וואו אַלע מענשן ווערן אויסגעה'רג'עט, און דאָס גוטס ווערט צוגענומען אַלס רויב; און פאַלן ווידער וואו נאָר דערוואַקסענע מענער ווערן געטויט, און די קליינע קינדער און פרויען (אָדער נאָר די מיידלאַך) ווערן געלאָזט לעבן.

ווי מען קען לייכט זען, לייקנט דאָס דאָזיקע געזעץ קאַטעגאָריש אָפּ די אַנדערע געזעצן אין שמות, וואָס זאָגן טאַקע, אַז דער בכר געהערט צו יהוה'ן און מוז אים געהייליקט ווערן (זיי זאָגן דאָס אפילו אויף אַ מער שאַרפן און אַ מער דירעקטן אופן), אָבער דאָך קען זיך דער מענש העלפן, ער קען אויסלייזן דעם בכר (ער קען באַצאָלן דעם ווערט פון בכר).

אַזוי אַ שטייגער ווערט אין שמות ק 13 געזאָגט:

(2) דו זאָלסט פאַר מיר הייליק מאַכן יעטוועדן בכר; אַלץ וואָס ווערט ביי די אידן צעערשט געבאָרן, סיי אַ מענש, סיי אַ בהמה, געהערט עס צו מיר... (12) אַלץ וואָס ווערט געבאָרן אַלס בכר געהערט צו יהוה'ן, יעדער בכר פון אַ בהמה, אויב דאָס איז נאָר אַ בכר, געהערט צו יהוה. (13) יעדן בכר פון אַן אייזל, זאָלסטו אויסלייזן מיט אַ שעפּס; אויב דו ווילסט אים ניט אויסלייזן, זאָלסטו אים דאָס גניק צוברעכן, אויך יעטוועדן בכר פון אַ מענשן זאָלסטו אויסלייזן.

(לויט דער איבערזעצונג אין דער אידישער אויסגאַבע פון קונאַוום — „די אַנטשטייאונג פון רעליגיאָן און גלויבן).

עס איז קלאָר פאַרוואָס דער אייזל האָט געמוזט אויסגע־

לייזט ווערן. ער איז געווען צו נויטווענדיק פאַרן נאַמאַר, ער זאָל זיך מיט אים קענען שיידן. עס איז אָבער לחלוטין ניט קלאָר, פאַרוואָס מיר הערן גאָרניט וועגן דעם ווי אַזוי דער מענש זאָל אויסגעלייזט ווערן. דאָס וואָלט דאָך, אָן שום ספק, באַדאַרפט זיין אַ וויכטיקער קולטישער אַקט. אָבער מיר הערן דערפון גאָרניט. 28)

זאָל דאָס באַטייטן, אַז דער מענש איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן, נאָר מען האָט סתם אויפגעהערט טויטן די בכרים? שווער צו גלויבן. גיכער פאַר אַלץ האָט זיך דאָ ניט געהאַנדלט וועגן אויסלייזן, נאָר וועגן אַן אַנדער קולטישער צערעמאָניע, וואָס האָט דעם בכר אַרויסגענומען פון די געפאַרן, אין וועלכע ער האָט זיך, צוליב זיין בכורה'שאַפט, געפונען.

די שטעל אין שמות ק, 13, וואָס זאָגט, אַז „אויך דער בכר זאָל אויסגעלייזט ווערן", איז אַ טעאָרעטישע דערפילונג, אָדער אַ לאָגישער שלוס פון דעם, אַז דער אייזל ווערט אויסגעלייזט דורך אַ שאָף.

עס איז אַ לעגאַלער פּרואוו, וואָס האָט אפשר ניט געהאַט קיין אַנהאַלט אין לעבן. אַלנפאַלס האָט ער געקענט פאַרשידן אויסגעטייטשט ווערן.

די עלטערע צערעמאָניע איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אַ היים־צערעמאָניע, וואו דער בכר פלעגט אויך אויף אַ געוויסן אופן אויסגעקעמפט אָדער אויסגענאַרט ווערן. אָבער אַלנפאַלס ניט אויסגעלייזט ווערן, ווי דער אייזל. די דאָזיקע צערעמאָניע ווערט באַשריבן אין שמות י"ב. מען באַשמירט מיט בלוט די ביישטידלען פון די טירן, מען איז וואַך אַ גאַנצע נאַכט, מען היט זיך פון מלאך המשחית, וואָס לויערט אויף די יונגע אַקאַרשט געבאָרענע קינדער.

אין דעם, אַז מען האָט גאַנץ פרי אויפגעהערט מקריב צו זיין די בכרים, איז ניט פאַראַן וואָס מסופק צו זיין. די רעזול־טאַטן און די נאָכווירקונגען פון דעם עקדה־געדאַנק בלייבן טאַקע. אין אַן עת צרה נעמט מען אפילו ווידער אַמאָל מקריב זיין בכרים, אָבער בדרך כלל בלייבט דער בכר לעבן, הגם עס מוזן געטאָן ווערן אַלערליי מאַגישע האַנדלונגען.

די אומשטענדן, וואָס האָבן אין דער אורצייט געווירקט, אַז מענטשלאַכע קרבנות זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן, זיינען געווען פאַרשידענע:

קודם־כל זיינען די מענטשן בכלל געוואָרן מילדער 29) און צווייטנס איז דער ווערט פון מענטשלאַכן לעבן געשטיגן אין דער געזעלשאַפט.

די זעלבע אורזאַכן, וואָס האָבן געווירקט, אַז מען זאָל ביים עראָבערן פרעמדע שטעט ניט אויסהאַרגענען מער די גאַנצע באַפעלקערונג, ווי אַמאָל, נאָר פאַרקערט, זען פּראָפּיטירן פון די באַזיגטע דורך מאַכן זיי פאַר קנעכט, אַט די זעלבע אור־זאַכן האָבן אויך געווירקט, אַז מער מענטשן אין דער משפחה זאָל אויפהערן באַטראַכט ווערן ווי אַ קללה. די נייע האַלב־נאָמאַדישע ווירטשאַפט האָט זיך גענויטיקט אין אַ סך אַרבעטס־הענט, און וואָס מער אַזעלכע הענט עס האָבן זיך געפונען, אַלץ גרעסער איז געווען די מזל־ברכה.

אין אַזאַ צייט הערט אויף פּראַקטיצירט ווערן דאָס טויטן ניי־געבאָרענע קינדער, אַ פּירונג, וואָס מיר באַגעגענען אויף שריט און טריט ביי די יעגער־שטאַמען, וואו דער ווערט פון מענטש־לאַכן לעבן שטייט זייער נידעריק.

פאַרקערט, מען נעמט אַ סך קינדער באַטראַכטן ווי אַן אוי־סערגעוויינלאַך גליק; ווארום דער מענטש דאַרף זיך ניט נאָכ־יאָגן נאָך דער ווילדער חיה, ער דאַרף מער ניט לעבן אויף איר באַראָט.

ער האָט זי צוגעוואוינט צו זיך און ער איז שוין איצט אַרומגערינגלט מיט שעפּסן און ציגן. די קינדער זיינען שוין מער ניט די יעניקע, וואָס רייסן אַרויס דעם ביסן פון מויל, נאָר פאַרקערט, די יעניקע, וואָס העלפן אים אַרויס אַכטונג צו געבן אויף די סטאַדעס און היטן די שאָף אויף די אָפטע וואַנ־דערונגען צוליב פּאַשע.

אויף אַזוי פיל איז ביי אונז קלאָר די פראַגע פון אויס־לייזן דעם בכר, ווען מיר באַטראַכטן זי פון אַ סאָציאַלן און פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט לויט די אומדירעקטע תנ״כ׳ישע

מקורים און אַלגעמיינע פּאַראַלעלן, וואָס זיינען אין אונזער רשות.

אָבער, וואָס זאָגט די דירעקטע תנ"כ'ישע טראַדיציע וועגן אויסלייזן דעם בכר?

אין שמות לייענען מיר:

(14) — און עס וועט זיין ווען דיין זון וועט דיך שפּעטער פרעגן זאָגנדיק, וואָס איז דאָס? (דאָס אויסלייזן פון בכר, ח. ב.) טאָ זאָג אים, מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אונז יהוה ארויס־געפירט פון מצרים, פון דער הויז פון קנעכטשאַפט.

(15) — און עס איז געווען ווען פרעה האָט זיך איינגעעקשנט און ער האָט אונז ניט געוואָלט אָפּלאָזן, האָט יהוה געטויט אַלע בכרים אין מצרים, פון אַ מענטשלאַכן בכר ביזן בכר פון אַ בהמה.

די דאָזיקע עטלאַכע שורות זיינען אַ רעזומע פון דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אַ סך אויספירלאַכער אין גאַנצן ספר שמות, איבערהויפּט אָבער אין קאַפּיטל 12, פּסוק 21־33 — די איינגנטלאַכע געשיכטע, וואָס וויל דערקלערן דעם אורשפּרונג פון פּסח. (30

ווען מיר לייענען זי דורך, ווערט קלאָר פאַר אונז, אַז די געשיכטע אַנטהאַלט אין זיך די טראַדיציע פון אַ גרויסער שעכטונג פון ערשטגעבורטן (בכרים). די דאָזיקע שעכטונג איז דער אור־שפּרונג, אַזוי ווערט עס אונז דערציילט, סיי פון דער פירונג צו אָפּפערן די מענשלאַכע ערשטגעבורטן און סיי פון דער פי־רונג צו טויטן די חיה'שע ערשטגעבורטן אין דער נאַכט פון יציאת מצרים. ווען די לעגענדע דערציילט אונז בלויז אַזוי פיל ,ניט מער, וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין סך וואָס צו פרעגן, הגם מיר וואָלטן אויך ניט געהאַט פיל וואָס צו לערנען פון איר.

ווען מיר דערוויסן זיך אָבער אויך, אַז די בכרים, וואָס זיינען געטויט געוואָרן, זיינען ניט געווען קיין בכרים פון די עברים, נאָר פאַרקערט, פון זייערע פיינט, פון די מצרים, שטויסן מיר זיך שוין גלייך אָן אויף אַן אַ שיר שוועריגקייטן. פאַרוואָס זאָלן דאָס די אידן מוזן טויטן זייערע בכרים אויב יהוה האָט אַמאָל געטויט די בכרים פון די מצרים?

און פארוואס זאלן זיי דאן מוזן צאלן אויסלייז געלט, אדער פארבייטן דעם בכר מיט א ציקעלע, דערפאר בלויז ווייל יהוה האט אמאל געטויט די בכרים פון די עגיפטער, ווען דער עגיפּטישער מלך פרעה האט ניט געוואלט באפרייען די אידן אויף עטלאכע טעג צו גיין אין מדבר?

אין דער היינטיקער איבערגעארבעטער און איבערערדאגירטער פארם, ווי אזוי די דערציילונג איז אונז דערהאלטן אין שמות, קען זי אונז אויף די פריער־געשטעלטע פראגן קיין ענטפער ניט געבן, ווארום איינער פון די מאטיוון, וואס איז געווען אין דער עלטער פארם פון דער לעגענדע, איז שטארק פארווישט געווארן, דהיינו: אז ניט די בכרים פון די מצרים, נאר די בכרים פון די בני ישראל האבן לכתחילה געדארפט געטויט ווערן. די געשיכטע האט אין איר אורשפרינגלאכער פארם דערציילט, אז די בני ישראל האבן פרילינג־צייט געדארפט גיין אין מדבר פראווען דארט זייער יום־טוב און ברענגען דערביי זייערע בכרים און זייערע שאף און ציגן אלס קרבן.

אבער פרעה איז געווען איינגעעקשנט און ער האט זיי ניט געוואלט אפלאזן אויף די עטלאכע טעג אין מדבר. דערפאר האט יהוה גענומען די עגיפטישע בכרים און זיי געטויט אנשטאט די בכרים פון די בני ישראל, וואס האבן אים לכתחילה געדארפט געבראכט ווערן. 31) (פארגלייך שמות ד׳ פסוק 22).

קאַפּיטל V

די מאָטיווירונג פון קרבן

די מאָטיווירונג פון קרבן אַלס דאָס בעסטע, וואָס דער מענש פאַרמאָגט, איז ניט אורשפּרינגלאַך. [32]

דער הערשנדיקער קרבן אין דער היסטאָרישער צייט איז דער אויסדרוק פון דאַנק. מען ברענגט יהוה'ן דאָס בעסטע פון דעם, וואָס מען פאַרמאָגט, און מען דענקט דעריבער, אַז א ל ע ק ר ב נ ו ת, וועלכע מען ברענגט צו דער גאָטהייט, לויט ווי עס פאַרלאַנגען די אַלטע טראַדיציעס, זיינען דערפאַר בלויז, ווייל זיי זיינען דאָס בעסטע.

די דאָזיקע גלייכשטעלונג איז היסטאָריש ניט באַרעכטיקט.

אויך אין דער רעליגיאָנס־פאָרשונג האָט מען פאַר א לאַנגער צייט באַטראַכט דעם דאַנק אָפּפער, פאַר דער אורשפּרינגלאַכער און פאַר דער איינציקער פאָרם פון קרבן. די נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דער רעליגיע פון די היינטיקע פּרימיטיווע פעלקער, האָט אָבער אָנגעוויזן אויף דער פאַלשקייט פון אָט דער טעאָריע.

דער פעלער, וואָס מען איז דאָ באַגאַנגען, איז געווען איינער פון די אָפּטע פעלערן אין דער געשיכטע־פאָרשונג; מען האָט א שפּעטערדיקן צושטאַנד פון דער מער־אַנטוויקלטער קולטור באַטראַכט פאַר מאַסגעבנדיק אויך בנוגע די ווייניקער אַנטוויקלטע, פּרימיטיווע פאָרמען.

דער דאַנק־קרבן און דער געבעט־קרבן האָבן טאַקע איין כונה צו געווינען דאָס וואוילגעפעלן פון דער גאָטהייט; אָבער מיר פאַרמאָגן, אַפילו אין די קולטור־רעליגיעס, א גאַנצע ריי

ריטואַלן און פּירונגען, וואָס לאָזן זיך אונטער דעם באַגריף פון א מתנה, וואָס דאַרף לויט דער מענשלאַכער ווערטשאַצונג פון געשאַנקען געאורטיילט ווערן, ניט אונטערפירן.33)

פון וואַנען נעמט זיך, למשל, וואָס דאָס בלוט, די נירן זיינען ביי די פאַרשיידענע פעלקער און אויך ביי די אידן באַטראַכט געוואָרן פאַר איינע פון די בעסטע געשאַנקען, וואָס מען קען נאָר דער גאָטהייט ברענגען?

פון וואַנען נעמט זיך עס ווידער, אַז געוויסע טריבוטן, וואָס האָבן פאַרן מענשן אַלס דערנערונגס־שטאָפן און גענוס־מיטלען, גאָר קיין ווערט ניט, ווי דאָס בלוט, למשל, זיינען פון אַזאַ גרויסער חשיבות אין די אָפּפער־ריטואַלן? 34)

ווי קומט עס ווידער, וואָס מיט דעם קרבן זיינען אין דער עלטערער צייט אויך געווען פאַרבונדן מאָלצייטן ביי וועלכע די אנטיילנעמער זיינען זיך משמח און רופן די גאָטהייט אנטיילצונעמען אין זייער סעודה.

די דערקלערונג אַז די גרונט־אידייע פון קרבן איז טאַקע געווען דער צייכן פון דאַנק, וואָס דער מענש צייגט אַרויס צו דער גאָטהייט. נאָר אַז די וויטערדיקע אַנטוויקלונג האָט אויפגענומען אין זיך אַ גאַנצע ריי צויבער־פאָרשטעלונגען, איז ניט גערעכט א) רעדט קעגן דעם די אוניווערסאַלקייט פון די צויבער־פאָרשטעלונגען; ב) דאָס וואָס די באַשווערונגס־פאָרמולן, דער וויכטיקסטער טייל פון דעם צויבער, זיינען אומעטום אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיטן קולט. 35)

ניט געבונדן דעריבער פון דער אויפפאַסונג, אַז דער קרבן „אַלס צייכן פון דאַנק און אַלס דאָס בעסטע פון דעם, וואָס דער מענש פאַרמאָגט", איז די איינציק מעגלאַכע און אורשפּרינגלאַכע דערקלערונג פון קרבן, ווען מיר פּרובן צו פאַרשטיין אצינד, פאַר־וואָס דער בכור געהערט צו יהוה'ן.

פאַראַן אַ טעאָריע, אַז די פאָרשטעלונג וועגן יהוה'ס רעכט אויפן בכור, איז בלויז אַן „אוקמאַנסעקווענטע" אנאַלאָגיע, וואָס מען האָט אין דער היסטאָרישער צייט געצויגן פון דער פּירונג צו ברענגען די ערשטגעבורטן, (די בכרים) פון דער סטאַדע און פון די פּרוכט פון פעלד, אויך אויפן מענשן. 36)

דאָס זאָל באַטייטן, אַז צוערשט האָט מען געבראַכט די חיה׳שע ערשטגעבורטן און שפּעטער ערשט די מענשלאַכע בכרים. גוט, נעמען מיר עס אָן אויף אַ ווײַלע. איז שוין אָבער דערמיט פאַרענטפערט אונזער פראַגע? זאָל זײַן, אַז מען האָט לכתחילה מקריב געווען די בכרים פון שאָף און ציגן, וואָס איז אָבער די קולטישע באַרעכטיקונג פאַר דעם? וואָס זאָלן עפּעס גראַד די ב כ ר י ם פון די שאָף און ציגן געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן? (זע שמות כ״ב 28), ווידער אַמאָל „ווײַל זיי זײַנען די בעסטע״?

אויב עס האַנדלט זיך בלויז וועגן בעסטן, פאַרוואָס דוקא דער בכר? ניט שוין זשע איז דער בכר אַלעמאָל דאָס בעסטע?

די באַגרעניצונג אויף די ערשטגעבורטן צייגט דאָך, אַז אין ז י י האָט זיך דער קולט געגוויטיקט און ניט אין עפּעס אַנדערש.

און עס פאַלט דער באַרעכטיקטער חשד, צי איז באמת די קולטישע טעאָריע פון אוועקגעבן דאָס בעסטע דער ווירק־לאַכער מאָטיוו פאַר דער פירונג מקריב צו זײַן די בכרים צו דער גאָטהייט, און צי האָט ניט דעריבער די נויטווענדיגקייט צו מאָטיווירן דעם מנהג מקריב צו זײַן די בכרים, אין אַ צײַט, ווען די אורשפּרינגלאַכע מאָטיוון זײַנען שוין געווען פאַרגעסן, באַשאַפן די דערקלערונג, וואָס איז געווען זייער נאָענט די באַ־גריפן פון אַ פאָלק, וואָס לעבט פון אַגריקולטור, דהינו — אַז מען איז זיי, די בכרים, מקריב דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען דאָס בעסטע. 37)

די פאָדערונג צו ברענגען דאָס ערשטע איז דעם פויער לכתחילה פרעמד, עס איז ניט כאַראַקטעריסטיש, ניט אייגנ־טימלאַך און אָפּט אויך ניט אויספירבאַר אין אַגריקולטורעלן לעבן, מען זעט עס, אגב אורחא, פון דער אומדעפינירטקייט, מיט וועלכער די באַטרעפנדיקע טריבוטן ווערן באַצייכנט. בכורים באַטייט אין אַלע שטעלן פון תנ״ך, דאָס ערשטע פון די פרוכט.38) אַזוי ווערט אין במדבר כ׳ 20, די צײַט ווען משה שיקט שלוחים צו באַקוקן דאָס לאַנד כנען, באַצייכנט אַלס: והימים ימי בכורי ענבים — עס זײַנען געווען די טעג פון די ערשטע ווײַנטרויבן.

דאָס זעלבע איז מלכים ב קאַפּ. 4 פּסוק 2.

דאָרט ווערט דערציילט, אַז עמיצער האָט אַלישן געגעבן צו עסן פון די לחם בכורים. מען זעט דערפון, אַז ניט אַלע בכורים פלעגן געבראַכט ווערן צו דער גאָטהייט, אַז עס איז אויך געווען אַ פירונג צו געבן פון זיי חשובע מענער און אויך אַליין פון זיי צו געניסן.

וואָרום, איין וויכטיקע זאַך מוזן מיר געדענקען — יעדע סאָציאַלע סביבה באַשאַפט איר מאָס, איר קריטעריום ניט נאָר פאַר דעם וואָס ער ע קרבנות עס זאָלן געבראַכט ווערן, נאָר אויך פאַר דעם, ווי אַזוי זיי זאָלן געבראַכט ווערן.

דאָס, וואָס איז אויספירבאַר אין פּאַסטוכער־לעבן, באַשאַפט אַן אַ שיר שוועריגקייטן אויפן באָדן פון ערד־אַרבעט.

מען קען דאַך ניט ברענגען דעם גאַנצן ערשטן (בכורים) פון די פעלדער. עס לאָזט זיך דאַך ניט באַשטימען. וואו ענדיקט זיך דאָס ערשטע און וואו פאַנגט זיך אָן נ י ט דאָס ערשטע? עס איז אַ מאָס, וואָס איז פרעמד דער אַגריקולטורעלער ווירטשאַפט. ביי דער סטאַדע איז קלאָר, וואָס דאָס ערשטע מיינט, ביים מענשן אפשר נאָך קלערער, וואָרום אין אַ סטאַדע קען זיך זיין די פראַגע א) — וועגן ערשטן געבורט פון דער סטאַדע אַלס גאַנצע אין דעם באַטרעפנדיקן יאָר; ב) וועגן דעם ערשטן פון יערלאַכן געבורט (עס קענען דאַך זיין צוויי און דריי געבורטן פאַר אַ מאָל); ג) וועגן דעם ערשטן פון יעדער איינציקער שאָף און ציג בכלל פאַר זייער גאַנצן לעבן; ביי מענשן, וואו די פרוי געבערט דאָס רוב בלויז איין קינד פאַר אַ מאָל איז דער בכר דער ערשטגעבאָרענער.

אַזוי צי אַזוי — דאָס ערשטע איז ניט אין דער פויערשער ווירטשאַפט קיין מאָס און קיין קריטעריום און דעריבער אויך ניט קיין מאָטיוו לויט וועלן עס זאָל באַשטימט ווערן דער טריבוט צו דער גאָטהייט.

אויפן באָדן פון אַגריקולטור באַגעגענען מיר אַן אַנדער מאָס און דאָס איז ניט דאָס ערשטע, נאָר, ווי מיר האָבן עס פריער אָנגעוויזן, דאָס בעסטע. דאָ איז שוין קלאָר ווי צו האַנדלען. עס איז כאַראַקטעריסטיש און אויספירבאַר אין אַגריקולטורעלן לעבן.

איידער די בני ישראל זייַנען אָבער געוואָרן אויפן באָדן

פון כנען ערד־ארבעטער, זיינען זיי דאך געווען האלבע נאמאדן, פאסטוכער. אט דער דאזיקער פאסטוכער־לעבן האט זיך נאך פאר א לאנגער צייט דערהאלטן אין געוויסע קרייזן פון יהודה. אויפן באדן פון די אלטע פאסטוכער טראדיציעס און פנים אל פנים מיט די נייע אגריקולטורעלע אומשטענדן האבן זיך געמוזט אויסבילדן א גאנצע ריי אייגנארטיקע פירונגען און איינע פון זיי, וואס איז פאר אונז וויכטיק — איז געווען די קאמבינאציע פון א באשטימטן פויערשן טריבוט צו דער גאט־הייט געמאסטן לויט א פאסטוכער מאס.

מען דארף געדענקען, אז אוראלטע, פרימיטיווע רעליגיע פארמאגט זייער וויכטיק סיסטעם. עס איז אפט א בארג פון אייציקע ניט פארבונדענע ריטואלן, וואס באאיינפלוסן זיך איינע די אנדערע אין משך פון דער צייט.

ווען דער פויער פון יהודה, ווייס למשל פון איין זייט, אז ער מוז דעם בעסטן טייל פון דער גערעטעניש אוועקשענקען צו יהוה'ן, וואס מאכט וואקסן זיין פעלד און זיין גארטן — און ער ווייס אויך פון דער צווייטער זייט, אז די בכרים געהערן יהוה'ן — ווערט ביי אים מיט דער צייט געבארן דער געדאנק, אז די בכורים פון פעלד מוזן מסתמא אויך געהערן צו אים.

דאס עלטסטע געזעץ, וואס מיר געפינען ביים יהוה'איסט, פאדערט דעריבער:

ראשית בכורי אדמתך תביא בית יהוה אלהיך, וואס דאס מיינט: דאס בעסטע פון ערשטן פון דיין אקער זאלסטו ברענגען אין דעם הויז פון יהוה דיין גאט (שמות כ"ג, 19).

דאס זעלבע איבערגעחזרט אין שמות ל"ד 26.

ווי מען זעט איז דא פאראן די פארבינדונג צווישן צוויי גלויבונגען פון פארשידענעם אורשפרונג. ניט נאר דאס בעסטע בכלל איז די פאדערונג, נאר דאס בעסטע פון די ערשטע (פון די בכורים) די פריוויליקייט (אדער דער דאנק כאראקטער) מיט וועלכער אט דער טריבוט איז געבראכט געווארן, זעט מען סיי פון דעם, וואס עס ווערט —

א) גאנץ אלגעמיין געפאדערט דאס בעסטע פון ערשטן,

אָבער עס וועט מיט גאָרניט אָנגעוויזן פון וועלכן ערשטן, פון אַלע בכורים אָדער בלויז פון א טייל.39 ;

ב) עס ווערט גאָרניט געזאָגט וועגן דער מאָס,

ג) עס ווערט גאָרניט געזאָגט וועגן דער צייט, ווען ער זאָל געבראַכט ווערן „פאַר יהוה'ן און זיין הויז".

פאַרוואָס עס פילט זיך אַזא אומבאַשטימטקייט איז דוכט מיר, פאַרשטענדלאַך. אין דער נאַטור פון דאַנק ליגט שוין, אז מען פאָדערט אים ניט, ער ווערט געמאַכט פרייוויליק...

א גאַנץ אַנדער באַאַבאַכטונג לאָזט זיך מאַכן וועגן יענע שטעלן אין תנ"ך, וואָס פאַרלאַנגען דעם מענשלאַכן בכר. דאָרט ווערט עס שטרענג געפאָדערט — מיינע זיינען זיי און דעריבער מוזן זיי מיר געהערן (פאַרגלייך שמות י"ב 2).

איבערלאָזנדיק דעם ענין וועגן די בכורים און אומקערנ־דיק זיך צוריק צו אונזער פריער געשטעלטער פראַגע, וואָס איז עלטער, דער מנהג מקריב צו זיין די ערשטגעבורטן פון דער סטאַדע, אָדער די מענשלאַכע ערשטגעבורטן, וועלן מיר סומירן, אויפן סמך פון די אַלגעמיינע באַטראַכטונגען און אויפן סמך פון די פאַקטן, וואָס מיר האָבן געזאַמלט —

א) אז דער מאָטיוו צו אָפּפערן די ערשטגעבורטן איז א סך עלטער פון דער טעאָריע מיט וועלכער דאָס אָפּפערן ווערט אין דער היסטאָרישער צייט דערקלערט. צוערשט האָט מען פאַר א לאַנגער צייט מקריב געווען דעם בכר און ערשט שפּעטער האָט מען אים גענומען באַטראַכטן אַלס דאָס בעסטע ;

ב) אז צוליב דעם גאָר אַלטן אורשפּרונג האָט דאָס מקריב זיין פון די בכרים גאָרניט געהאַט צו טאָן מיטן ברענגען פאַר יהוה'ן די בכורים פון פעלד, וואָס איז ערשט איינגעפירט גע־וואָרן אין כנען;

ג) אז ניט מען האָט גענומען אויסלייזן די בכרים (גע־דאַרפט האָט מען זיי טויטן!) ווייל מען האָט געפירט אָן „אומ־קאָנסעקווענטע" אַנאַלאָגיע פון די חיהשע ערשטגעבורטן אויף די מענשלאַכע, נאָר אז מען האָט ד) אויף אָן „אומקאָנסעקווענטן" אופן געפירט די אַנאַלאָגיע פון די מענשלאַכע ערשטגעבורטן אויף די חיהשע;

ה) דאָס אויסלייזן פון בכר דורך אַ לאָם און דאָס אָפּפּערן פון די ערשטגעבורטן פון דער סטאַדע זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן.

וואָרום דאָס אָפּפּערן פון די בכרים פון דער סטאַדע איז קיינמאָל ניט קאָאָרדינירט געוואָרן לויט דער צאָל פון די מענשלאַכע ערשטגעבורטן, וואָס דאַרפן אויסגעלייזט ווערן.

מען האָט, וואַרשיינלאַך, אַלס אַן אויסלייז פון בכר געבראַכט באַזונדערע קרבנות אָדער דאָס אָפּפּערן פון די בכרים פון דער סטאַדע איז שוין באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אָפּפּער אויך פון די מענשלאַכע ערשטגעבורטן.

גיכער פאַר אַלץ איז די היים־צערעמאָניע (באַשריבן אין שמות י״ב) געווען דער אופן ווי אַזוי מען האָט געזוכט „אַרויסצוראַטעווען" דעם בכר פון די „געפאַרן", וועלכע זיינען אים פאַרגעשטאַנען.

אין דער היינטיקער אַראַביע איז נאָך פאַרבליבן דער רודימענט פון אַזאַ מין מנהג. אויפן זיבעטן טאָג איז מען מקריב אַ ציקעלע אָדער אַ שעפּס פאַרן בכר, וואָרום מען דענקט, אַז אין די לעצטע טעג פון דער ערשטער וואָך נאָכן געבורט איז דאָס קינד אין גרויסע סכנות. 40)

קאַפּיטל VI

די „בכורה" אין דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור

היסטאָרישע מאָנומענטן, אין זייער אורשפּרינגלאַכער געשטאַלט, אין דער פאָרם, ווי זיי וואָלטן אַמבעסטן געקענט כאַראַקטעריזירן די עפּאָכע, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, גייען אָפּט פאַרלאָרן. דערפאַר אָבער בלייבן, ניט זעלטן, שפּורן פון מנהגים, טראַדיציעס און אינסטיטוציעס אויך אין שפּעטערדיקן דור. דאָס זיינען אָפּטמאָל ווערטפולע רעשטלאַך, וואָס מען קוקט זיך אויף זיי גאָרניט אום און מען זוכט זיי דעריבער ניט אויסגלייכן, מיט די נייע אנשויאונגען, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אין לעבן.

איבערהויפּט זיינען אַזעלכע שפּורן צאָלרייך אין אידישן געזעץ, וואָרום אין דער עלטערער פאָרם פאַרמאָגט עס נאָך ניט די דיפערענצירונג צווישן רעכט און קולט 41) — און קולט איז דער זיכערסטער אויפהיטער פון היסטאָרישער אַלטערטימלאַכקייט.

עס וואָלט דעריבער געווען אַ פאַרזען ניט דורכצופאָרשן די פראַגע וועגן בכר און בכורה, כאָטש אין אַ זייער באַגרענעצטער פאָרם, אויך אין דער תלמודישער ליטעראַטור, ניט נאָר אין תנ"ך, וואָרום הגם דער תלמוד טראָגט שוין אין אַ גרויסער מאָס אַ ריין טעאָרעטישן, ניט נאָר אַ פּראַקטישן כאַראַקטער, פונדעסטוועגן איז די שיידונג פון קולט און געזעץ ביי אים אויך זייער אַ שוואַכע.

אין דער תלמודישער צייט ווערט שטרענג אונטערשידן צווישן דעם בכר לכהן און דעם בכר לנחלה.

דער ערשטער דאַרף אויסגעלייזט ווערן און ווערט גערעכנט

אין דער פּאָליגאַמישער פאַמיליע לויט יעדער מוטער באַזונ־דער. אויב אַ מאַן האָט צוויי פרויען מוזןביידע בכרים אויס־געלייזט ווערן. 42)

דער צווייטער, (דער בכר לנחלה) איז קודם־כל פּונקט ווי דער בכר לכהן באַרעכטיקט צו דער כהונה, ער האָט אָבער אויך דעם פאָרצוג אין דער ירושה דורכדעם, וואָס ער קריגט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי יעדער אַנדער ברודער. ער ווערט גע־רעכנט לויט דער פּאָטער ליניע, דער ערשטער איינגל, וואָס ווערט געבאָרן אויף אַ נאָרמאַלן אופן אין דער פאַמיליע — איז דער בכר. דערביי ווערט אונטערשטראָכן, אַז דער ערשטגעבאָרע־נער איז באַרעכטיקט צו אַ גרעסערן חלק אין דער ירושה און ניט סתם דער עלטסטער זון אין דער פאַמיליע, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַן עלטערן ברודער און יענער איז געשטאָרבן. אפילו דאַן, ווען דער בכר איז געקומען אויף דער וועלט מיט דער הילף פון אַ כירורגישער אָפּעראַציע, איז ער ניט באַרעכטיקט צו דער פּריווילעגיע. 43)

פּונקט די זעלבע באַגרעניצונגען זיינען חל אויך אויף דעם בכר לכהן. בנוגע אים ווערט אויך פיל אויפמערקזאַמקייט גע־שאָנקען צי איז ער באמת אַ פּתר רחם.

דאָך הערשט די אויפפאַסונג אין דער תלמודישער ליטע־ראַטור, אַז די בכורה לנחלה און די בכורה לכהן זיינען זיך צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן, וואָס געהערן זיך איינע די אַנדערע גאָר־ניט אָן.

די דאָזיקע אויפפאַסונג ווערט נאָך אונטערשטיצט דורך דעם, וואָס די בכורה לנחלה ווערט צוריקגעפירט צו אַ לויטער סאָציאַלן אורשפּרונג. דער פאָרצוג פון בכר אין דער ירושה זאָל דערקלערט ווערן מיט דער לאַגע, וואָס ער דאַרף פאַרנעמען נאָכן פאָטער'ס טויט. עס זאָל הייסן, אַז "דער עלטערער זון דאַרף עקאָנאָמיש געשטעלט ווערן אין בעסערע באַדינגונגען, ווייל אין דער תלמודישער צייט דאַרף ער אויך אויסהאַלטן די אינגערע שוועסטער ביז צו זייער חתונה". דאָס מיינט, אַז דאָס רעכט פון בכר וואָרצלט ניט אין קיין רעליגיעזע גלויבונגען. 44)

אויף ווי ווייט די תלמודישע טראַדיציע, אין דעם פּרט, מעג זיין באַגלויבט, דאַרף נאָך ערשט אויסגעפאָרשט ווערן.

קענען דער עכטקייט פון סאָציאַלן אורשפּרונג (אַלנפאַלס אין דער דירעקטער פאָרם, ווי ער ווערט אויבן געבראַכט), לאָזן זיך ברענגען אַ גאַנצע ריי באַאָבאַכטונגען.

1. ווען עס וואָלט זיך באמת געהאַנדלט בלויז וועגן זיכערן יענעם זון פון דער פאַמיליע, וואָס דאַרף נאָך דעם פאָטערס טויט פאַרנעמען דעם פאָטערס פּאָזיציע, צו וואָס זשע דעמאָלט אַלע באַגרעניצונגען, אַז בלויז דער עלטסטער זון, וואָס איז באמת דער ערשטגעבורט, וואָס האָט קיינמאָל קיין עלטערן ברודער פון זיך ניט געהאַט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אויף אַ דורכאויס נאַר־מאַלן אופן — איז באַרעכטיקט צום דאָפּלטן חלק אין דער ירושה?

2. צי דען וועט דער עלטערער זון (ניט דוקא דער בכר) וואָס וועט מוזן פאַרנעמען דעם פאָטערס פּאָזיציע, ניט דאַרפן געשטעלט ווערן אין אַ בעסערער עקאָנאָמישער לאַגע, אויב ער נעמט אויף זיך אַלע התחיבותן, ווי דער לעגיטימער בכר?

3. ווען עס וואָלט זיך דעריבער באמת געהאַנדלט אין אַ סאָציאַלער באַדערפניש צו זיכערן דעם בכר מער ווי אַלע אַנ־דערע ברידער, וואָלטן מיר זיך געדאַרפט ריכטן אויף אַ געזעץ, צו געבן דעם עלטסטן זון (ווער ער זאָל ניט זיין) די דאָזיקע פּריווילעגיע אין דער ירושה.

4. איז בכלל אַ פראַגע, צי האָט דער בכר געמוזט מאַטע־ריעל בעסער געזיכערט ווערן ווי אַלע איבעריקע ברידער.

די מאָטיווירונג, למשל, אַז דער בכר האָט נאָך דעם פאָ־טערס טויט געמוזט אויסהאַלטן די אינגערע שוועסטער ביז צו זייער חתונה, עטוואָס וואָס איז אין דער תלמודישער צייט אַ לאַסט, הויבט גאָרניט אָן צו שטימען מיט די פאַרהעלטענישן אויפן באָדן פון כנען (אין דער היסטאָרישער צייט). דאָרטן איז עס ניט קיין לאַסט, נאָר פאַרקערט, אַ גרויס געווינס, וואָרום אין יענער צייט פלעגט ניט די כלה מוזן צאָלן דעם נדן, נאָר פאַר־קערט, דער בחור פלעגט מוזן אָפּצאָלן דעם מהר פאַר דער נוצ־לאַכער אַרבעטס־האַנט, וואָס ער נעמט אַוועק פון דער פאַמיליע.

אין האַמוראַבים געזעצבוך ווערט דעריבער געזאָגט ניט וועגן

דעם עלטסטן פון די ברידער און ניט אים ווערט געגעבן דער פּאָרצוג אין דער ירושה, נאָר פאַרקערט, דעם אינגסטן. מיר ליי־ענען דאָרט פאַר. 166 : „אויב אַ מאַן נעמט פרויען פאַר זיינע זין, וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער ער האָט קיין פרוי ניט גענומען פאַר זיין אינגסטן זון, און נאָכדעם שטאַרבט דער פאָטער, איז ווען די ברידער צעטיילן זיך, זאָלן זיי פאַרן אינגערן ברודער, וואָס האָט ניט קיין פרוי, אויסטיילן אַ ספּעציעלע סומע געלט, ער זאָל קענען נעמען אַ פרוי. 45)

די עקזיסטענץ פון צווייערליי בכורות רוקט שוין במילא אויך אַרויס די פראַגע, וועלכע פון זיי איז עלטער, די בכורה לכהן, צי די בכורה לנחלה. און צי זיי זיינען ווירקלאַך צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן. אויפן סמך פון די פריער געבראַכטע באַטראַכ־טונגען, ווי אויך אויפן סמך פון די וויטערדיקע באַטראַכטונגען, וואָס מיר וועלן דאָ ברענגען, קענען מיר קומען בלויז צום איינ־ציקן שלום, אַז ב י י ד ע ב כ ו ר ו ת ז י י נ ע ן א י י נ ס.

א) וואָרום סיי פון דעם בכר לכהן און סיי פון דעם בכר לנחלה ווערן פאַרלאַנגט די זעלבע אַטריבוטן, און דאָס איז פון קולטישן שטאַנדפּונקט זייער וויכטיק.

ב) דער בכר לכהן און דער בכר לנחלה מוזן ביידע אויס־געלייזט ווערן.

ג) דער איינציקער אונטערשייד צווישן זיי ביידן איז בלויז דער, וואָס איינער קריגט יאָ דעם פאָרצוג אין דער ירושה, און דער אַנדערער ניט.

אָבער ד) די פראַגע פון ירושה וואָס אונטערשיידט איין מין בכורה פון דער אַנדערער איז דאָך בלויז אַ סעקונדערער מאָ־מענט!

אין דער פּאָליגאַמישער פאַמיליע האָט מען דאָך געמוזט קומען צו אַ וועלכער ניט איז לייזונג. ביידע בכרים קענען דאָך ניט קריגן דעם פאָרצוג. עס מוז קריגן איינער. אָבער ווער ? אין דער עלטערער צייט איז דאָס דער בכר פון דער ליבסטער פרוי. דאָס קען מען דרינגען פון דעם, וואָס אין דברים ווערט עס שטרענג פאַרבאָטן.

און אַנדערש מאָל איז דאָ אַ פראַגע צווישן דעם בכר פון

דער הארנטע (דער הויפט־פרוי) און דעם בכר פון דער קעבס־ווייב. אזוי ארום איז דער לעצטער סך־הכל, וואס מיר דארפן מאכן איז בלויז דער, אז די בכרה לנחלה, וואס ווערט אין דער תלמודישער צייט א זעלבסטשטענדיקע זאך, איז עס אין דער אלטער צייט פאר קיין פאל ניט געווען.

די בכורה לנחלה איז בלויז א רעגולירונג אויפן באדן פון פאליגאמישן פאמיליען־לעבן, ניט מער ; צוליב דעם זעלבן טעם איז די אלטקייט פון דער בכורה לכהן אין פארגלייך מיט דער בכורה לנחלה אומצווייפלהאפט.

די בכורה לכהן דארף אבער פאר דער אלטער צייט ניט דעפינירט ווערן אלס די מעגלאבקייט צו ווערן א כהן, דאס איז א שפעטערדיקע אויסטייטשונג, נאר אלס די נויטווענדיקייט אויס־געלייזט צו ווערן, ווייל ער געהערט אלס בכר צו יהוה'ן*)

*) דער דאזיקער ענין ווערט מער אויפגעקלערט אין קאפיטל 10.

קאַפּיטל VII

די אומקלאָרע פּאַטערניטעט אין אַלטערטום.

אין דער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער די תּלמודישע ליטעראַטור באַציט זיך צום געבורט פון בכר איז דערהאַלטן אַן אַלטע טראַדיציע.

די דאָזיקע טראַדיציע צייגט אונז אויך וואו מיר דאַרפן זוכן די ריכטיקע מאָטיווירונג סיי פאַר דער קולטישער פאָדערונג, אַז דער בכר געהערט צו יהוה'ן, און סיי פאַר דער באַזונדערער שטעלונג, וואָס דער בכר פאַרנעמט צווישן זיינע ברידער, נאָכן טויט פון דעם פאָטער — מיר דאַרפן די מאָטיווירונג זוכן אין די גלויבונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט געבורט.

ביי די אַמאָליקע אידן, ווי אין גאַנצן אַלטערטום און ווי היינטצוטאָג ביי די פּרימיטיווע פעלקער, איז דאָס געבורט פון קינד געווען ארומגערינגלט מיט אַן אַ שיר אבערגלויבנס און פאַרווערונגען (טאבום). אַ טייל פון די טאבוס האָבן זיך באַצויגן דירעקט אויף די עלטערן און אַן אַנדער טייל אויפן ניי־געבאָרענעם. 46)

אין דער אַלטער צייט ביי די בני ישראל, למשל, האָט אַ געווינערין ווען זי האָט געבאָרן אַ אינגל, געגאַלטן פאַר אומריין גאַנצע זיבן טעג. נאָך דריי און דרייסיק טעג צו די זיבן האָט זי דערביי ניט געטאָרט באַזוכן קיין היילי קטום (ויקרא י"ב 2—4). ביים געבורט פון אַ מיידל איז די צייט פון אומריינקייט פאַרדאָפּלט געוואָרן פון זיבן טעג אויף 14 און פון דריי און דרייסיק אויף 66 טעג. די זעלבע תּקנה פון פערציק טעג האָט אויך עקזיסטירט אין אַלטן גריכנלאַנד. 47) (די געווינערן האָט דאָרט ניט

געטאָרט באַזוכן קיין הייליקטום אין משך פון פערציק טעג אויך די ערשטע פערציק טעג פון איר שוואַנגערשאַפט).

אין ניי גריכנלאַנד האָט די פרוי אין משך פון די פערציק טעג נאָכן געבורט ניט געטאָרט באַזוכן דעם קלויסטער און זי האָט אויך ניט געטאָרט באַרירן עטוואָס וואָס איז באַשטימט פאַרן הייליקן געברויך, ווי קנעטן טייג פאַרן הייליקן ברויט אָדער מאַכן פון וואַקס הייליקע ליכט. אויך די וואָס זיינען געקומען אין אַ באַרירונג מיט דער געווינערן, האָבן געגאָלטן פאַר אומריין.

פון באַזונדערער וויכטיגקייט זיינען אָבער פאַר אונז ניט אַזוי די סתם פאַרווערונגען, נאָר די מאַגישע מיטלען, וואָס עקרות פלעגן אָנווענדן כדי צו געבערן קינדער. די דאָזיקע צויבער־מיטלען געפינען מיר נאָך היינטצוטאָג ניט נאָר אין די פאָלקס־מעשהלאַך און ביי די פּרימיטיווע פעלקער, נאָר אויך ביי די מער אָפּגעשטאַנענע מאַסן פון די ציוויליזירטע לענדער. אין די דאָזיקע נידעריקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג איז נאָך די מעדיצין ניט אָפּגעטיילט פון צויבער 48) און דער גלויבן אין איבערנאַטירלאַכן געבורט איז נאָך גאַנץ שטאַרק.

דער אונטערשייד, וואָס איז יאָ פאַראַן צווישן די אייראָפּעאישע פאָלקס־שיכטן און די פּרימיטיווע פעלקער איז בלויז דער, וואָס אויף דער העכערער מדרגה פון קולטור איז וויכטיק אַז די מיידל זאָל צו דער חתונה זיין אַ בתולה בעת ביי די ווילדע האָט עס גאָר קיין באַטרעף ניט.

אומבאַרירטע מיידלישקייט איז דאָרט, אַ חוץ אפשר ביי גאָר קליינע קינדער, ניט בנמצא. 49)

איינע פון די באַוואוסטע און פּאָפּולערסטע מיטלען פאַר איבערנאַטירלאַכער באַפרוכפּערונג פון אַ פרוי איז דאָס עסן פון געוויסע פרוכט.

אין בראשית איז עס דער פאַל מיט די דודאים (ליבעס עפּעלאַך), 50) פון וועלכע רחל האָט געגעסן און שפּעטער געבאָרן יוסף'ן. צוערשט ווערט דערציילט, אַז איינמאָל ווען די שניטערס זיינען געווען פאַרנומען אַרום דעם ווייץ, איז ראובן געגאַנגען אין פעלד. אויפן וועג האָט ער באַמערקט עפּעס אַן אויסטערליש געוויקס.

ער איז צוגעגאַנגען, פאַרזוכט פון די פרוכט און אויסגעפינען־דיק, אַז זיי זיינען זיס און זאַפטיק, האָט ער זיי, ווי אַ גוט קינד, ניט גענומען פאַר זיך, נאָר אַוועקגעטראָגן צו לאה׳ן, זיין מוטער. דאָס וואָס ראובן האָט געפונען, זיינען געווען די דודאים, ליב־עפּעלאַך. (עקרות, ווען זיי פלעגן פאַרזוכן פון אָט די ליבע־עפּעלאַך, פלעגן ווערן שוואַנגער. ח. ב.) אַז רחל האָט דערזען, ווי ראובן האָט זיין מוטער געבראַכט די ליב־עפּעלאַך, איז זי אין האַרצן מקנא געווען איר שוועסטער, וואָרום יענע האָט שוין געהאַט פיר קינדער, און זי קיין איינס ניט.

זי האָט דעריבער געבעטן ביי לאה׳ן: גיב מיר פון די דודאים, וואָס דיין זון האָט דיר געבראַכט. אָבער לאה האָט איר געענטפערט : צי דען איז דיר ווינציק וואָס דו האָסט אַוועקגענומען מיין מאַן, איצט ווילסטו די דודאים אויך האָבן ?

דערויף האָט רחל געזאָגט: טאָ זאָל יעקב ליגן מיט דיר אָט די נאַכט, פאַר די דודאים פון דיין זון.

אין אָוונט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און די קעמלען האָבן זיך גענומען אומקערן פון פעלד פול באַלאָדן מיט גאַרבן, איז לאה אַרויסגעקומען אַפּהיטן איר מאַן, כדי צו דערציילן אים וועגן דער גרויסער מציאה, וואָס איר קינד האָט היינט געפונען. ווען יעקב איז אָנגעקומען, איז זי אים אַנטקעגן געגאַנגען און געזאָגט : צו מיר קום היינט, וואָרום איך האָב דיך אָפּגעדונגען פאַר די דודאים פון מיין זון. יעקב האָט שוין די נאַכט פאַר־בראַכט ביי לאה׳ן. לאה איז שוואַנגער געוואָרן און געבאָרן אַ פינפט קינד. אָבער רחל האָט געגעסן פון די דודאים, וואָס איר שוועסטער האָט זי געגעבן — איז זי אויך שוואַנגער געוואָרן און אינגיכן געבאָרן יוסף׳ן. (51

דער דאָזיקער גלויבן איז ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, זייער שטאַרק פאַרשפּרייט.

אין דער פּראָווינץ געמער, אונגאַרן, גלויבט מען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אַז ווען אַ כלה עסט אָנהויב זומער פרוכט, וואָס זיינען צוזאַמענגעוואַקסן, וועט זי געבערן אַ צווילינג.(52

אין ספּריוואַלד וועט קיין ווענדישע פרוי ניט עסן קיין צוויי

פלוימען, וואס זיינען צוזאמענגעוואקסן — צוליב דעם זעלבי־
טעם.

דער איינענער גלויבן איז אויך פאראן אין בייערן און אין Paraguan Poiton מזרח אינדיען, וואו קיין גאלעלארעזישע פרוי וועט ניט עסן קיין צוזאמענגעוואקסענע באנאנעס. ביי די טאגאלאס איז אפילו דעם מאן פארבאטן צו עסן פון אזעלכע פירות, ווארום דאס קען זיך „שלעכט אפרופן" אויף זיין פרוי.

דער דאזיקער טאבו אויף צוזאמענגעוואקסענע פרוכט איז בלי שום ספק דער רעזולטאט פונ׳ם גלויבן, אז געוויסע פירות קענען מאכן פרויען פרוכטבאר.

אבער ניט נאר פרוכט קענען מאכן פרויען פרוכטבאר, אויך פון גייסטער קענען עקרות שוואנגער ווערן.

די סיריער, למשל, גלויבן, אז די גייסטער פון פארשטאר־בענע קענען קומען אין א געשלעכטלאכן פארקער מיט לעבעדיקע. אן אלמנה קען ניין מאנאטן נאך איר מאנ׳ס טויט מעוברת ווערן. 53) אין נעבק, אזוי דערציילט דער באקאנטער פארשער קורטיס, 54) איז פאראן א מאן, וואס מען גלויבט, אז ער קומט פון אזא בונד. עס איז דארט אויך פאראן א מאן, וואס ווערט באטראכט ביי די פשוטע מענשן אלס קינד פון א שד.

„אן אנדער פארם פון דעמזעלבן גלויבן — דערציילט קור־טיס — „פארטרעט אן שום ספק דער פאל פון וועלכן איך האב געהערט, אז ווען מען האט אויסגעפירט דעם טויט אורטייל אי־בער א פארברעכער ביי דעם טויער פון ירושלים, מער ווי מיט א דרייסיק יאר צוריק, האבן זיך עטלאכע קינדערלאזע פרויען ארויפ־געווארפן אויפן מת".

אן ערך פיר שעה פון קארייטען (Karyaten) אויפן וועג צו צדד (די זעלבע צדה, וואס ווערט דערמאנט אין במדבר 38) געפינען זיך די אזוי־גערופענע בעדער פון שלמה׳ן.

די געביידעס, וואס שטייען אויף א גרויסן פעלז, זיינען כמעט אינגאנצן איינגעפאלן, עס זיינען פארבליבן בלויז עטלאכע אר־קעס. דארטן זיינען פאראן דריי פלעצער, פון וועלכע עס קומט ארויס הייסע לופט. איינער פון די דאזיקע פלעצער איז דער דיל פון א צימער, וואס איז אינגאנצן געבויט פון שטיין. די

היץ שלאָגט דאָרט אַרויס אַזוי שטאַרק, אַז מער ווי עטלאַכע מינוט קען מען דאָרט ניט פאַרבערענגען. די אַנדערע צוויי פּלע־צער פון וועלכע עס שלאָגט דאָס הייסע לופט געפינען זיך אין פרייען פעלד. איינס פון זיי רופט מען אבו־רבה. עס איז אַ באַרימט היילקטום פאַר עקרות, וואָס ווילן האָבן קינדער.

די אַראַבישע פרויען באַטראַכטן באמת אָט דעם קוואַל פון דער היילקטום ווי דעם פאָטער פון זייערע קינדער, וואָס ווערן נאָך אַזאַ באַזוך געבאָרן. דאָס זעט מען אויך פון אַ שפרוך, וואָס די אַראַבישע פרויען חזרן אַ סך מאָל איבער, ווען זיי קומען אַריין אינווייניק פון דער קליינער פאַרצאַמונג, וואָס באַשטייט פון אַ שטיינערנער וואַנט אין ערך פיר פוס די הויך און לאָזן די הייסע לופט שטראָמען אויף זייערע לייבער:

א, אבו רבה (גרויסער פאָטער)
צו דיר קומען די ניט באַפּלעקטע.
צו דיר קומען די גערעכטע.
דורך דיר איז אונזער דור
מיט אונז די באַפרוכטפּערונג. 55)

אויך אין אַלטערטום, פּונקט אַזוי ווי די אַראַבישע פרויען היינטצוטאָג, פלעגן עקרות באַזוכן היילקטימער, כדי מעוברת צו ווערן. אַ באַווייז פאַר דעם איז חנה'ס געבעט אין שמואל א. אויך דער נאָמען וועלכן זי גיט דעם ניי־געבוירענעם. זי רופט איר קינד אָן שמואל, וואָס דאָס מיינט: זיין נאָמען איז אל 56) — ער איז אַ גאָט.

אָבער ניט נאָר חנה האָט געגעבן איר קינד אַזאַ נאָמען. אין תנ"ך זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי נעמען וואָס ענדיקן זיך מיט אל אָדער מיט יהוה. די מענשן וואָס האָבן געטראָגן אַזעל־כע נעמען, האָבן זיך אויך, בודאי, גערעכנט פאַר קינדער פון געטער. וואָרום פּונקט ווי די אַראַבישע פרויען באַטראַכטן די קינדער, וואָס ווערן ביי זיי געבוירן נאָך אַ באַזוך אין אַ היילקטום, אַלס די קינדער פון דעם אָדער פון יענעם גאָט, אַזוי האָט אויך די עברישע פרוי געקלערט, מסתמא, וועגן אירע געבורטן נאָכדעם ווי זי האָט באַזוכט אַ היילקטום און איז שפּעטער־צו שוואַנגער געוואָרן. 57)

א רעשט פון איבערנאַטירלאַכן געבורט אין תנ"ך איז אויך דער האַלטן אין בראשית ק. 6, וואו עס ווערט דערציילט וועגן געטער־זין, וואָס האָבן באַזוכט די טעכטער פון די מענטשן. די געשיכטע ווערט אינמיטן אָפּגעהאַקט. זי איז לכתחילה געווען א סך לענ־גער. די לעגענדע דערציילט:

1) און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנ־געהויבן מערן אויפן געזיכט פון דער ערד, און ביי זיי זיי־נען געבאָרן געוואָרן טעכטער, 2) האָבן די זין פון גאָט 58) געזען די טעכטער פון מענטשן אַז זיי זיינען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווייבער, וועמען נאָר זיי האָבן אויסדערוויילט. 3) האָט גאָט געזאָגט: מיין גייסט זאָל ניט בלייבן אין דעם מענטשן אויף אייביק, ווארום ער איז פליישֹ; נאָר זיינע טעג זאָלן זיין הונדערט און צוואַנציק. 4) די נפילים זיינען געווען אין יענע טעג — און אויך דערנאָך — ווען די זין פון גאָט זיי־נען געקומען צו די טעכטער פון די מענטשן, און זיי האָבן פון זיי געבאָרן, דאָס זיינען די גבורים, וואָס פון פאַרצייטן, מענער מיט א נאָמען.

שפּורן פון זעלבן גלויבן זיינען דערהאַלטן אויך אין בראשית קאַפּ. 31 און שופטים קאַפּ. 13.

וואָס־זשע דאַרפן מיר לערנען פון די אַלע געשיכטעס און טראַדיציעס וועגן איבערנאַטירלאַכן געבורט? געשיכטעס, וואָס דעפינירן געבורט אַלס רעזולטאַט פון עסן אָדער טרינקען, פון קומען אין באַרירונג מיט פאַרשטאָרבענע, אָדער דורך שמעקן אַן אויסטערלישן ריח.

ווי אַזוי דאַרפן מיר פאַרשטיין די מעשיות וועגן פרויען, וואָס זיינען מעוברת געוואָרן פון ווינט, רעגן, זון־שיין, דורך באָדן זיך אין הייליקע קוואַלן און וואַסערן, פון א פאַרקער מיט זייערע פאַרשטאָרבענע מענער, דורך א מגע און משא מיט שדים, בני אלהים, געטער א. ד. ג.?

ווי אַזוי דאַרפן מיר אויך פאַרשטיין פאַרשידענע פאַרווע־רונגען, טאַבוס, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט אויף מיידלאַך אין דעם עלטער פון בגרות, כדי צו פאַרמיידן א ניט־געווינשטע שוואַנגערשאַפט?

דער איינציק מעגלאכער ענטפער איז בלויז דער, אז די דאָזיקע אַלע פירונגען, פאַרווערונגען און אָפּווער־מיטלען זיינען רעשטלאַך פון אַ צייט, ווען דער פאָטערשער אנטייל אין דעם געבורט פון קינד (די פאטערניטעט) איז נאָך ניט געווען באַקאַנט און געבורט, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, ווערט פאַראורזאַכט אַנדערש ווי דורך דעם געשלעכטלאַכן פאַרקער. 60)

נאָך היינטצוטאָג איז געבורט ביי אַ גרויסער צאָל פּרימיטיווע שבטים אַ פענאָמען, עפּעס וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דער פיזיאָלאָגישער פאַרבינדונג פון די געשלעכטער. 61)

אורזאַכן פאַר דעם זיינען געווען פאַרשיידענע, צווישן אַנדערע: די אומפּראָפּאָרציאָנעלקייט פון דער צאָל געבורטן צו דער צאָל געשלעכטלאַכע פאַרבינדונגען.

אויסער דעם איז דער פריצייטיקער געשלעכטלאַכער פאַרקער ביי די פּרימיטיווע פעלקער זייער פאַרשפּרייט. אזא מגע ומשא איז אָבער, ווי באַוואוסט, ניט פּראָדוקטיוו. 62)

קאַפּיטל VIII

די אומקלאָרע פּאַטערניטעט אין אַלטערטום

(המשך)

אויף אַ נאַאיוו־קינסטלערישן אופן האָט דעם צושטאַנד פון ניט אויפגעקלערטער פּאַטערניטעט און דעם איבערגאַנג צו „רייף־קייט„ פאַרגעשטעלט דער דערציילער פון בראשית (ק. ב.) די געשיכטע איז פול מיט עופעמיסטישע, דאַפּלזיניקע אויסדרוקן. זי פאַרמאָגט אָבער די ריכטיקע קולטור־היסטאָרישע טראַדיציע, אַז די ערשטע מענשן זיינען געווען אַזוי ווי קינדער, 63) אָדער ווי חיות 64) ; זיינען אומגעגאַנגען נאַקעט, האָבן זיך ניט געשעמט און דער סוד פון זייער געשלעכט איז זיי ניט געווען באַוואוסט.

אין מיטן פון גאָרטן, וואָס יהוה האָט פון זייערטוועגן גע־פלאַנצט, אַזוי דערציילט די לעגענדע, איז געשטאַנען דער עץ הדעת, דער בוים פון וויסן, און לעבן אים, דער עץ החיים, וואָס אַז מען עסט פון אים לעבט מען אייביק. *) פון אַלע בוימער אין אָט דעם גאָרטן, האָט זיי יהוה אָנגעזאָגט, מעגט איר געניסן,

*) וועגן דעם עץ החיים ווי אַזוי ער קומט אַהער אין דער גן־עדן גע־שיכטע זיינען פאַראַן חלוקי דעות צווישן די ביבל־פאַרשער. אַנדערע צייגן אַז אַז ער איז אַהער אַריינגעבראַכט געוואָרן שפּעטער און האָט מיט דער מעשה גופא קיין שייכות ניט (אַזוי גונקעל), דר. לעווי, אַקעגן, דענקט, אַז דער עץ החיים איז גראַד יאָ פאַרבונדן מיט דער גאַנצער געשיכטע. די שטעל אין ק. ב 9 ; ועץ החיים בתוך הגן ועץ הדעת טוב ורע, זעצט ער איבער: און דער בוים פון לעבן אין מיטן גאָרטן און ער איז אויך דער בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס. האָט לויט אים די באַדייטונג פון דהיינו. דר. לעווי זאָגט, אַז דאָס איז אַן אידישער אידיאָם, נאָך ביישפּילן שיקט ער אָפּ צו בראַון ענד דרייווער לעקסיקאָן, זוך אונטער 1.

אבער פון דעם עץ הדעת טוב ורע זאלט איר ניט עסן, ווארום אין דעם טאג, ווען איר וועט עסן, וועט איר שטארבן. *)

און זיי זיינען ביידע געווען נאקעט, אזוי דערציילט ווייטער די לעגענדע, דער מענש און זיין ווייב און זיי האבן זיך ניט געשעמט.

ק. ג. — (1) און די שלאנג איז געווען ליסטיגער פון אלע חיות פון פעלד, וואס יהוה אלהים האט געמאכט, און זי האט געזאגט צו דער פרוי: ניט שוין האט יהוה געזאגט, איר זאלט ניט עסן פון קיין בוים פון גארטן?

(2) — האט די פרוי געזאגט צו דער שלאנג: פון די פרוכט פון דיביימער פון גארטן מעגן מיר עסן,

(3) — נאר פון דער פרוכט פון בוים וואס אין מיטן גארטן האט יהוה געזאגט: איר זאלט דערפון ניט עסן און איר זאלט זיך ניט אנרירן אן דעם, ווארום איר וועט שטארבן.

(4) האט די שלאנג געזאגט צו דער פרוי: שטארבן וועט איר ניט שטארבן, (5) נאר יהוה וויים, אז אין דעם טאג ווען איר וועט דערפון עסן, וועלן זיך עפענען אייערע אויגן, און איר וועט אזוי ווי יהוה וויסן גוטס און שלעכטס **)

---

*) פארוואס זאל דער מענש ניט געניסן פון דעם עץ החיים און דעם עץ הדעת? דער ענטפער איז זייער א פשוטער: ווייל יהוה האט זיך די ביימער איבערגעלאזט פאר זיין אייגענעם געברויך. חכמה און אייביקער לעבן זיינען נאך ניט זיינע איינגעבארענע מעלות. ער ווערט אומשטערבלאך און קלוג ערשט דורך דעם, וואס ער עסט פון אט די צוויי ביימער אין מיטן פון גארטן. זאל ער אויך די ערשטע צוויי מענשן לאזן געניסן פון אט די בוימער, וועלן זיי דאך ווערן אקוראט אזוי ווי ער און דאס וויל יהוה ניטן!

זע וואונדט: מיטהאס אונד רעליגיאן, באנד 6, זייט 128 (דייטש).

**) וואס באטייט דא דער אויסדרוק גוטס און שלעכטס? אפילו אזא גרויסער פארשער ווי וועלהאוזען האט זיך ניט געקענט צוריקהאלטן פון ארויסזאגן שטותים טייטשנדיק אט דעם פסוק. א פשיטא אנדערע. מען האט גערעדט וועגן חומר און גייסט, ליכט און פינסטערניש. וואס פאר א מיין האבן די טעלאגן ניט געזוכט אריינשפארן אין אט די פיר ווערטער? ניני-

(6) האָט די פרוי געזען אַז דער בוים איז גוט צום עסן, און אַז ער איז אַ גאַרונג פאַר די אויגן און אַז דער בוים איז גלוסטיק אָנצוקוקן, און זי האָט גענומען פון זיין פרוכט און האָט געגעסן; און זי האָט אויך געגעבן איר מאַן מיט איר, און ער האָט געגעסן.

(7) און זייערע ביידנס אויגן האָבן זיך געעפנט און זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען נאַקעט; האָבן זיי צונויפגעניים פייגנבלע־טער און זיך געמאַכט גאַרטלען.

(8) און זיי האָבן געהערט דעם קול פון יהוה אלהים ווי ער גייט אַרום אין דער קילקייט פון טאָג; און דער מענש און זיין ווייב האָבן זיך באַהאַלטן פאַר יהוה אלהים צווישן די ביימער פון גאָרטן.

(9) האָט יהוה אלהים גערופן צום מענשן, און האָט צו אים געזאָגט: וואו ביסטו?

(10) האָט ער געענטפערט: איך האָב געהערט דיין קול אין

קעל און גרעסמאַן זיינען, ווי מיר שיינט, געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנ־געוויזן אויף דעם עראָטישן רמז, וואָס דער פסוק פאַרמאָגט. זיי האָבן באַ־מערקט, אַז ידע מיינט אין העברעאיש ניט בלויז וויסן, ידע איז אויך אַ באַצייכנונג פאַרן סעקסועלן אַקט (אדם האָט דערקענט זיין ווייב חוה׳ן איז זי געוואָרן שוואַנגער און געבאָרן קין׳ען) דערקענען האָט אַן עראָטישע באַדיי־טונג ניט בלויז אין העברעאיש, נאָר אויך אין סיריש, אַראַביש, אַסיריש, גריכיש, לאַטיין. אויך גוטס און שלעכטס באַטייט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען געוויינלאַך אונטער דעם. עס האָט אַ סעקסועלע באַ־דייטונג; מיר באַגעגענען דעם אויסדרוק נאָך עטלאַכע מאָל אין תנ״ך און אַלעמאָל דהיינו ווען עס רעדט זיך וועגן מענשן ,וואָס די סוקסועלע פעאיג־קייט פעלט זיי. ביי קינדער, למשל, ביי אַלטע לייט (דברים א 39; שמואל ב י״ט 36; פאַרגלייך אויך שופטים ג 9).

אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער וויסן, וואָס די ערשטע מענשן האָבן אַריינגעקראָגן, זעט מען דייטלאַך פונ׳ם המשך פון דער מעשה: ווען זיי האָבן געגעסן פון דעם עץ הדעת האָבן זיך ביי זיי געעפנט די אויגן און זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען נאַקעט. עס קען קיין ספק ניט זיין דעריבן, אַז דאָס עסן באַטייט דאָ די געשלעכטלאַכע פאַראייניקונג.

די אידישע תנ״ך מפרשים פון אַלטערטום האָבן נאָך פאַרמאָגט די ריכ־טיקע אויפפאַסונג פונם עץ הדעת, אַזוי באַמערקט אבן עזרא, אַז די פירות פונ׳ם עץ הדעת האָבן דערוועקט די תאוה ביי אדמ׳ען און ביי חוה׳ן און זיי האָבן דעריבער געמוזט פאַרדעקן זייער נאַקעטקייט.

גאָרטן, און איך האָב מורא געהאַט, ווייל איך בין נאַקעט האָב איך מיך באַהאַלטן.

(11) האָט ער געזאָגט : ווער האָט דיר געזאָגט, אַז דו ביסט נאַקעט ? האָסטו געגעסן פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט ניט צו עסן פון אים ?

(12) האָט דער מענש געזאָגט : די ווייב, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זי האָט מיר געגעבן פון דעם בוים און איך האָב געגעסן. *)

---

*) עס איז באמת ניט מעגלאך צו פאַרשטיין די גאַנצע געשיכטע, אויב מען איז ניט באַקאַנט מיט די צווייזייטיקע אַנצוהערענישן, וואָס אין איר זיינען פאַראַן. פאַר די לכתחילה'דיקע הערער אָדער לייענער פון דער מעשה זיינען זיי געווען וואויל באַקאַנט. מיט דער צייט האָט זיך אָבער דער אורשפרינגלאַכער זין אויסגעוועבט און דער לכתחילה'דיקער מיין איז פאַר־לאָרן געגאַנגען.

עסן איז אַ באַקאַנטער עופעמיזם פאַרן סעקסועלן אַקט. אין תלמוד (שבת 65) ווערט דערציילט וועגן די ירושלימער אַז זיי זיינען געווען זייער זינדיק. איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן: וואָס האָסטו היינט געגעסן ? ברויט פון געבייטלטן אָדער פון ניט געבייטלטן מעל, און דאָס איז געמיינט געוואָרן אין עראָטישן זין (זע דר. לעווי).

אויף אַן אַנדער אָרט (כתובות 65 ב.) ברענגט איינער אַלס באַווייז פאַר דעם, אַז מיטן עסן ווערט אייגנטלאַך געמיינט באַשלאָפן (coitus)

דעם קאַפּיטל 30, פּסוק 20 פון די פּרקי אבות, וואו עס רעדט זיך וועגן דער אשת איש: נאָכן „עסן" ווישט זי זיך אָפּ דעם מויל און זאָגט: איך האָב ניט קיין אומרעכט געטאָן.

אין דער גמרא ווערט דערציילט אַזאַ מעשה: אַנומלט האָט אַ מאַן אָפּ־גערעדט מיט אַ פרעמדער פרוי זיך צו באַגעגענען. יענע האָט אים אָבער אָפּגעטאָן און צוגעשיקט צו אים זיין אייגענע ווייב. ער האָט זי ניט דער־קענט און ער האָט דורכאויס געדענקט אַז דאָס איז די פרעמדע פרוי, מיט וועלכער ער האָט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן. ער האָט זי דעריבער באַשלאָפן. ווען ער האָט זיך אויף מאָרגן אויפגעכאַפּט און ער האָט זיך דערוואוסט די גאַנצע מעשה, האָט ער זיך געוואונשן דעם טויט. דאָ האָט זיך זיין ווייב אָפּגערופן צו אים: מפתד אכלת .וכוסך שתית — דו האָסט פון דיין ברויט געגעסן און פון דיין בעכער געטרונקען. אויך אין בראשית ל"ט 6 ווערט דאָס ברויט עסן דורכן מדרש באַצויגן אויף פּתיפר'ס ווייב. דאָס פאַרבאָטענע פרוכט איז אין דער טראַדיציע געווען אַן עפּל. דער עפּל איז וואַרשיינלאַך געוואָרן אַן עראָטישער סימאָל אַ דאַנק זיין ענלאַכקייט מיט דער פרויען־ברוסט. (זע האָופּט ביבלישע ליבעס לידער ז. 68).

(16) צו דער פרוי האָט ער געזאָגט: מערן וועל איך מערן דיין מאַטערנים און דיינע טראָג־ווייען; מיט יסורים וועסטו געבערן קינדער, און צו דיין מאַן וועט זיין דיין גלוסטונג, און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר.

(17) און צו אדמ'ען האָט ער געזאָגט: ווייל דו האָסט צוגעהערט צו דעם קול פון דיין ווייב און געגעסן פון דעם בוים, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט פון אים ניט עסן; זאָל די ערד זיין פאַרשאָלטן פון דיינטוועגן; מיט מאַטערנים זאָלסטו זיך נערן פון איר אַלע טעג פון דיין לעבן.

(18) אין דערנער און שטעכיקע געוויקסן זאָל זי דיר אַרויסשפּראָצן, און זאָלסט עסן קרייטעכער פון פעלד.

(19) מיט דעם שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט, ביז דו וועסט זיך אומקערן צו דער ערד, ווייל פון איר ביסטו גענומען געוואָרן; ווארום שטויב ביסטו, און צו שטויב זאָלסטו זיך אומקערן.

(20) און דער מענש האָט גערופן דעם נאָמען פון זיין ווייב חוה, ווייל זי איז געווען די מוטער פון אַלע לעבעדיקע.

(21) און יהוה אלהים האָט געמאַכט פאַר אדמ'ען און פאַר זיין ווייב העמדלאַך פון פעל, און האָט זיי באַקליידט.

(22) און יהוה אלהים האָט געזאָגט: זע דער מענש איז געוואָרן ווי איינער פון אונז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און אַצינד קען ער נאָך אויסשטרעקן זיין האַנט, און נעמען אויך פון דעם בוים פון לעבן, און ער וועט עסן און וועט לעבן אייביק.

(23) האָט יהוה אלהים אים אַרויסגעשיקט פון דעם גאָרטן פון עדן, צו באַארבעטן די ערד, וואָס ער איז פון דאָרטן גענומען געוואָרן.

אַ טראַגישע געשיכטע. נאַאיוו ביז גאָר; זיכער רעדן דאָ סאָציאַלע אומשטענדן, אָבער פאַרשטעלט, צווייידייטיק, סימבאָליש. דאָ איז פאַראַן אַ טיפער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט. מען דאַרף אים נאָך באַלייכטן. אָט האָט אַ שטייגער די באַציאונג צווישן דער שולד און דער שטראָף פאַרשאַפט אַן אַ שיר שוועריגקייטן. דער תלמוד האָט שוין געפרעגט די קשיא: למה נתקללה הארץ?

פאַרוואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן די ערד? ער האָט אָבער קיין רעכטע תשובה ניט געקענט געבן.

די שייכות צווישן דעם חטא און דער שטראָף ווערט אונז אָבער גלייך קלאָר, ווען מיר פאַרשטייען די צוויי פּרינציפּן אויף וועלכע די קללה איז געבויט. דער ערשטער פּרינציפּ איז דאָס „יום טאַליאָנום"; דער צווייטער פּרינציפּ: דער דאָפּל־טער זין פון דער סעקסועלער סימבאָליק. מיט וואָס מען האָט גע־זינדיקט, דערמיט ווערט מען געשטראָפט. די אַנאַלאָגיע פון שולדיקייט און שטראָף ווערט דערגרייכט אויף אַ סימבאָלישן אופן. די קללה פאַנגט זיך אָן מיט דער שלאַנג; זי האָט זיך די ערשטע פאַרשולדיקט, ווערט זי די ערשטע באַשטראָפט. די דאָפּלטע געשטאַלט, וואָס זי טראָגט במשך פון דער גאַנצער גע־שיכטע, פאַרלירט זי אויך ניט אין דער קללה; "אויף דעם בויך זאָלסטו קריכן, און שטויב זאָלסטו עסן אַלע טעג פון דיין לעבן". ביידע אויסדרוקן זיינען דאָפּלזיניק; אויפן בויך קריכן איז אַ סימ־באָלישער אויסדרוק פאַרן געשלעכטס־אַקט 65), וואָס דאָס ערד עסן באַטייט ווערט אונז קלאָר ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז די ווייב ווערט כסדר פאַרגליכן מיטן פעלד, מיטן באָדן, וואָס ווערט פון דעם מענלאַכן אַקער באַאַקערט. אויך עסן איז אַן אַנצוהערעניש אויפן גע־שלעכטלאַכן־אַקט, פּונקט אַזוי די פיינטשאַפט צווישן „דיר און דיין ווייב, צווישן דיר און דיין זאָמען". עס איז אַן אַנצוהערעניש, אַז אַלס פּאַלוס שטייט די שלאַנג אַנטקעגן דער ווייב.

אויך די קללה איבער דער פרוי איז זייער דורכזיכטיק. זי האָט געזינדיקט מיט דעם געשלעכטס־לעבן. די רעזולטאַטן זיי־נען דערפאַר: שוואַנגערשאַפט און שמערצן ביים געבורט. איר מאַן האָט זי פאַרפירט, מוז זי איצט נאָך אים גלוסטן. ער ווערט איר האַר. 66).

צום סוף קומט די קללה איבערן מאַן:

ער האָט געגעסן פון עץ הדעת, וואָס יהוה האָט אים בפירוש אָנגעזאָגט ער זאָל פון בוים ניט עסן. פאַרוואָס קומט אים אָבער מיטן שווייס פונ׳ם פּנים צו עסן זיין ברויט? אויפן ערשטן קוק זעט אויס, אַז אדמ׳ס שטראָף האָט גאָר קיין שייכות ניט מיט זיין פאַרברעכן. ווען מען דערמאָנט זיך אָבער אָן דעם פאַרגלייך

צווישן דער פרוי און דעם אַקער, אין דער סימבאָלישער שפּראַך פון אַלטערטום, דעמאָלט ווערט אונז דער גאַנצער ענין קלאָר.

די אידענטיפיצירונג פון באַפרוכפּערן און זייען איז איינער פון די עלטסטע געדאַנקען פון דער מענשהייט (דר. לעווי). דייטלאַך זעט מען עס אין העברעאיש וואו זרע באַדייט געוויקסן — זאָמען ווי אויך דאָס קינד.

די ערדאַרבעט און דאָס געבערן ווערן אין דער פּרימיטיווער פאָרשטעלונג גלייכגעשטעלט אין אַלע דעטאַלן. דער באָדן, דאָס פעלד איז די ווייב. דער אַקעראייזן וואָס רייסט אויף דעם שוים פון דער ערד, איז דער פאַלוס, דער רעגן — דער זאָמען. דאָס אויסגעוואַקסענע קאָרן — דאָס קינד.

וועגן אסתר'ן לייענען מיר אין סנהדרין 74: קרקע עולם היתה — זי איז געווען דאָס פעלד פון דער וועלט, ד. ה. ווי דער אַקער איז באַשטימט צום זייען, אַזוי איז זי באַשטימט געווען שוואַנגער צו ווערן. דעריבער האָט זי זיך ניט באַדאַרפט נעמען דאָס לעבן, ווען זי איז גערופן געוואָרן אין אחשורות'עס הויף. זייער באַליבט איז דער אויסדרוק ביי די אַראַבער. דער קאָראַן זאָגט:

אייערע ווייבער זיינען אייערע פעלדער,

קומט אין אייער פעלד אויף וואָסער אופן איר ווילט.
(2 Sure v. 22—3).

אָט די זעלבע אָריענטאַלישע סימבאָליק קלערט אויך אויף די באַזונדערקייט פון אָדמ'ס שטראָף.

ער האָט געאַקערט דעם סעקסועלן אַקט מיט זיין ווייב, דע־ריבער מוז ער איצט אַקערן דעם אמת'ן פעלד. ער מוז באַאַר־בעטן די האַרטע ערד. סימבאָלישער „יום טאַליאָנום".

דער מ אָ ט י ו ו פון דער געשיכטע איז שוין היינטצוטאָג פאַר־ווישט, אָבער לכתחילה איז ער געווען זייער קלאָר:

באַשאַפן און געבערן איז די עובדא פון די געטער. דעם מענשן איז דאָס פאַרבאָטן. און ניט דערפאַר ווייל ער קען דאָס אפשר ניט, אלהים האָט דאָך אים באַשאַפן אין זיין געשטאַלט, און האָט ער געגעסן פון עץ־הדעת איז ער געוואָרן קלוג און

וואָלט ער געגעסן איצט פון עץ החיים, וואָלט ער געוואָרן אויך אומשטערבלאַך — אינגאַנצן ענלאַך צו די געטער.

דאָס אָבער וויל יהוה ניט דערלאָזן. ער וויל ניט די מענשן זאָלן ווערן גלייך מיט אים (בראשית ע"ה 22) ווען די בני אלהים האָבן געגומען אַראָפּקומען צו די מענשלאַכע טעכטער און עס זיינען געבאָרן געוואָרן ריזן, האָט יהוה, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז די מענשן זאָלן ווערן צו גרויס — פאַרקלענערט דעם דויער פון זייער לעבן. (בראשית קאַפּ 6 פּסוק 1—4).

ווען די מענשן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און גענומען בויען אַ טורים ביזן הימל אַריין, איז יהוה אַרונטערגעקומען און צו־מישט זייערע לשונות (בראשית י"א 1—9).

אין אָט די זעלבע מורא איז דער טעם פאַרוואָס דער מענש האָט ניט געטאָרט עסן פון עץ הדעת. נאָכן ערשטן חטא האָבן זיך ביי די ערשטע מענשן געעפנט זייערע אויגן, זיי האָבן דער־זען, אַז זיי זיינען נאַקעט און אדם האָט צום ערשטן מאָל דער־קענט זיין פרוי חוה'ן.

דורך דער בייזער אַנריידעניש פון דער שלאַנג, איז דעם מענשן קלאָר געוואָרן עפּעס, וואָס פון אים האָט אויף אייביק געדאַרפט זיין פאַרהילט. דער מענש טראָגט די לאַסט פון זיין וויסן.

קאַפּיטל IX

פאַרוואָס געהערט דער בכר צו יהוה׳ן?

(מלה, „יום פּרימע נאַקטים״, דער קאַמף פון די דעמאָנען פאַר דער פּרוי).

די לעבנס־פילאָסאָפיע וואָס די געשיכטע וועגן דער באַשאַפונג פון דעם ערשטן מענשן און דעם ערשטן חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען, פאַרקערפּערט אין זיך, האָט ניט געקענט אויפקומען איידער די פּאַטערניטעט איז שוין געווען אויפגעקלערט. עס האָט נאָך דעמאָלט געפעלט די פראַגע, וואָס זאָל סטימולירן דעם פּרימיטיוון מח נאָכצודענקען און זוכן אַן ענטפער.

פאַרקערט־דער גלויבן אין איבערנאַטירלאַכן געבורט איז ניט פאַרווישט געוואָרן אינגאַנצן, צום גרעסטן טייל בלייבן ביידע פאַרשטעלונגען האַנט ביי האַנט.

אַט האָט לאה אָפּגעדונגען יעקב׳ען אויף איין נאַכט דערמיט, וואָס זי האָט דער שוועסטער אירער רחל׳ען געגעבן די דודאים, וואָס ראובן האָט געפונען. לאה איז טאַקע שוואַנגער געוואָרן און געבאָרן אַ זון, אָבער רחל האָט גענומען פון די דודאים (ליב־עפּעלאַך) וואָס איר שוועסטער האָט איר געגעבן, איז זי אויך שוואַנגער געוואָרן און געבאָרן יוסף׳ן.

די זעלבע לאַגע האָט זיך אויך געשאַפן בנוגע די גלויבונגען, אַז פרויען ווערן שוואַנגער ניט נאָר דורך עסן געוויסע פרוכט, גרינסן, נאָר אויך דורך אַ מגע ומשא מיט די שדים, גייסטער, פאַרשטאָרבענע.

ווען דער פּאַטערשטער אַנטייל אין געבערן פון קינדער (די פּאַטערניטעט) איז דעם מענשן פאַרצייטן גע־

נומען ביסלעכווייז קלאָר ווערן, האָט עס נאָך, הייסט עס, די אַלטע גלויבונגען וועגן דעם געבערן פון קינדער דורך א מגע ומשא מיט די דעמאָנען, בני - אלהים א. ד. ג. ניט אָפּגעשאַפט. פאַרקערט, עס אַנטוויקלט זיך די פאָרשטעלונג, אַז אין דעם רעכט אויף דער פרוי קומט פאַר אַ קאַמף צווישן די מענשן און די דעמאָנען!

באַזונדערס קריטיש איז די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה. וואָרום דער קאַמף צווישן די דעמאָנען פון פרוכטבאַרקייט און דעם מענשן אויף דעם רעכט פון דער פרוי ווערט, ווי עס ווייזט אויס, סוף כל סוף אַנטשידן דערמיט, וואָס די דעמאָנען ווערט צוגעוויזן דאָס "יוס פרימע נאָקטיס" 67).

אין ישראל איז דעריבער געווען אַ פירונג צו באַפרייען פון לאַגער אַלע די, וואָס האָבן גענומען אַ ווייב, אָבער האָבן זי נאָך ניט אהיימגעפירט (דברים כ 7 און כ"ד 5). די דע־מאָנען (אָדער די גאָטהייט) אַזוי האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, זיינען אויפגערעגט און לויערן אויפן לעבן פון די יונגע מע־נער, וואָס נעמען ביי זיי אוועק דאָס רעכט. די אַנוועזנהייט פון אַזעלכע מענער איז געפערלאַך פאַרן גאַנצן לאַגער. די אָפּגענאַרטע און פאַרביטערטע גאָטהייט קען זיך אָפּרעכענען מיט אַלעמען פאַר די זינד פון'ם יחיד.

אָט די פאָראויסזעצונגען געפינען מיר אין דער לעגענדע וועגן תמר'ן, טאָביאס'ן (גר און אנן: בראשית 38, טאָביאס ז. 14, 1—14). באַזונדערס אָבער אין דער לעגענדע וועגן משה'ן 68).

אָט הערן מיר ווי אַזוי יהוה שיקט משה'ן מיט אַזא גרוי־סער און וויכטיקער שליחות: באַפרייען די אידן פון מצרים, אַרויסציען דאָס פאָלק פון'ם הויז פון קנעכטשאַפט און מיט אַמאָל, גאָר פלוצלונג, אויפן וועג פון מדיון קיין מצרים, באַ־פאַלט יהוה זיין אויסדערוויילטן און נעמט אים ווערגן. עס איז קלאָר, אַז דער יהוה פון שמות ד 24, 26 איז ניט דער יהוה פון די באַפרייאונגס-געשיכטן 69).

די געשיכטע איז מער ענלאַך צו דער יבוק געשיכטע, וואו יעקב ראַנגלט זיך ביז באַגינען מיט אַן אומבאַקאַנטן און קומט אים ביי — איידער צו די אַנדערע לעגענדן אין שמות..

דאָ, ווי דאָרט, באַפאַלט יהוה ביי דער נאַכט דעם גייער, דאָ, ווי דאָרטן, באַפאַלט ער און נעמט ווערגן. דער אונטער־שיד איז בלויז דער, וואָס יעקב איז איינער אַליין, בעת משה האָט מיט זיך צפרה'ן.

די צייט און די סיטואַציע איז די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה. 70) בדרך כלל איז די געשיכטע קורץ, אָפגעריסן, טונקל, עטלאַכע מאָל איבערגעאַרבעט *). די שפּעטערדיקע רעדאַקטאָרן האָבן זי, ווי עס ווייזט אויס, ניט פאַרשטאַנען. עס איז אָבער אויך גאַנץ מעגלאַך, אַז זיי האָבן זי בכיוון געקירצט און געענדערט 71)

וועגן דער עקזעגעטישער אויסטייטשונג פון דער דאָזיקער אויסטערלישער געשיכטע האָט מען זיך פיל געשפּאַרט.

אַז ותגע לרגליו דאַרף עופּעמיסטיש, דאַפלזיניק באַדייטן, זי האָט אים געוואָרפן די בלוטיקע פאַרהויט אויף דער שאַם, איז פון אַלעמען אַנערקענט. אָבער אויף אַן אויסטערלישן אופן פאַרשטייט מען אונטער א י ם אַלעמאָל משה'ן, אַזוי ווי ער וואָלט דורך דעם געקענט געהאָלפן ווערן 72).

עס איז דאָך קלאָר, אַז צפרה וויל אָנווענדן א צויבער, וואָס זאָל ווירקן אויף יהוה'ן, דעריבער קענען זיך ניט די ווערטער באַציען אויף משה'ן, נאָר אויף יהוה'ן. ע ר און ניט משה דאַרף געטראָפן ווערן פון איר האַנדלונג 73). זי וואַרפט די פאָרהויט אויף יהוה'ס געשלעכטס־טייל, אַזוי אַז זיי זאָלן בלוטיק ווערן — און איצט איז ער איר חתן דמים — איר בלוט־חתן. דאָס קען נאָר הייסן, אַז ער האָט זי אַהיימגעפירט אַלס א כלה און ער איז דעריבער פאַרבלוטיקט!... דאָס ווירקט אויף יהוה'ן און ער לאָזט משה'ן אָפּ.

אויך מלה געוועזן האָט מען ניט משה'ס זון, נאָר משה'ן אַליין.

---

*) שמות (24) ויהי בדרך במלון ויפגשהו יהוה ויבקש המיתו.
(25) ותקח צפרה צר ותכרות את ערלת בנה ותגע לרגליו ותאמר כי חתן דמים אתה.
(26) וירף ממנו אז אמרה חתן דמים למולות.
(זע ביילאַגע 5).

די געשיכטע איז שפּעטער געוואָרן אַן אַטיאָלאָגישע לעגענדע, וואָס האָט געדאַרפט דערקלערן ווי קומט מלה צו אידן. און אַזוי ווי אין דער שפּעטערדיקער צייט פלעגט מען מלה זיין אַלע אינגלאַך אויפן 8טן טאָג 74) נאָך זייער געבורט, דער־ריבער איז נויטיק געווען אויסצוגלייכן די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק און מען האָט אָנשטאָט אישה (איר מאַן) אריינגע־שטעלט בנה (איר זון) 75).

אין דער אַלטער צייט פלעגט מען אָבער מלהן ניט אַכט טעג נאָך דעם געבורט, נאָר קורץ פאַר דער חתונה. מלה האָט געשטאַמט ניט פון היגיענישע, נאָר פון צויבער־מאָטיוון און איז געווען פאַרבונדן ניט מיטן שבט, נאָר מיט פּובעריטעט, מיטן רייף־ווערן 76).

צווישן געשלעכטלאַכער רייפקייט און חתונה איז אָבער קיין ווייטער מהלך ניט געלעגן 77). קינדער פלעגט מען חתונה מאַכן זייער יונג; צו דרייצן־פערצן יאָר, ווי נאָך היינטצוטאָג אין אָריענט. מלה איז דעריבער אויפן ענגסטן אופן געווען פאַרבונדן מיט חתונה האָבן.

קיינער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט חתונה־צו האָבן איידער מען האָט אים גע'מלה'ט 78), די דאָזיקע פאַרבינדונג צווישן מלה און חתונה זעט מען אויך אין דער באַדייטונג פון'ם וואָרט חתן. חתן מיינט אין אַראַביש דער, וואָס איז גע'מלה'ט גע־וואָרן 79).

ווי די חתונה און פאַר דער חתונה־צערעמאָניעס אַזוי האָט מען אויך מיט דעם מנהג פון מלה אויסן געווען צו באַזייטיקן די „איבערנאַטירלאַכע געפאַרן" מיט וועלכע חתונה איז געווען פאַרבונדן. דער מקור פון די אַלע געפאַרן איז אָבער איינער: געבורט איז אַן ענין פאַר די געטער. דעם מענשן איז עס פאַרבאָטן. די דעמאָנען, די שדים, די ניטגוטע פילן זיך גע־קריוודעט און זוכן זיך מיט כל'ערליי מיטלען נוקם צו זיין אינ'ם יונגן פּאָר־פאָלק.

די פאָלקס־טראַדיציע האָט דערביי געוואוסט פון פאַרשי־דענע סגולות, פירונגען, מיט וועלכע מען קען זיך ווערן. ביי די פּרימיטיווע פעלקער ווערן זיי נאָך היינטצוטאָג פּראַקטיצירט. זיי

דריקן זיך אוים אמבולטסטן אין די חתונה־צערעמאָניעס. 80)
(זע ביילאַגע 2).

דאָס מערקווירדיקע דערביי איז אָבער, וואָס הגם די דאָזיקע אַפּוועגר מיטלען אַליין זיינען צאָלרייך און פאַרשידן איז קיין פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן זיי ניט פאַראַן. פּונקט ווי די רוסישע פּויערים פאַרשפּאַרן, למשל, בעת דער חתונה די טירן און די פענסטער, אָדער פאַרשטאָפּן די קוימענס, כדי אויף אַזאַ אופן צו באַשיצן זיך קעגן דעם בלוטגיריקן דעמאָן 81), וואָס פאָדערט זיין חלק, אַזוי איז מלה, אויף אַן אַנדער אופן, געווען אַן אַפּוועגר מיטל צו ראַטעווען דעם לעבן פון'ם יונגן מאַן.

אין ערשטן פאַל זוכט מען זיך פון דעם דעמאָן אויסבאַהאַלטן, מען זוכט אים צו איגנאָרירן; אין צווייטן פאַל, רעכנט מען זיך מיט זיינע תביעות און אים ווערט צוגעוויזן דאָס „יום פּרימע נאָקטיס".

קאַפּיטל X

פאַרוואָס געהערט דער בכור צו יהוה׳ן (המשך)

(די סכנות ביים געבורט. דער בכור, דאָס מקריב זיין פון בכור).

אָבער די געפאַרן ענדיקן זיך ניט מיט דער חתונה. ביי די בני ישראל זיינען די דאָזיקע געפאַרן פון פאַראויס באַזייטיקט געוואָרן דורך דעם אַקט פון מלה, וואָס האָט דאָס „יום פרימע נאַקטים" אויף אַ סימבאָלישן אופן איבערגעגעבן צו דער גאָט־הייט. חתונה איז בלויז דער ערשטער אַקט פון דער האַנדלונג. קורץ נאָך דער חתונה קומט דאָס געבורט און אויך ביים גע־בערן זיינען מאַן און פרוי אַרומגערינגלט מיט אַן אַ שיר גע־פאַרן 82).

גרעסער ווי ביי וועמען ניט איז זיינען די געפאַרן ביי דער געווינערין, וואָס געבערט צום ערשטן מאָל 83).

וואָרום, קוים געהערט דאָס „יום פרימע נאַקטים" צו דער גאָטהייט, איז דאָך קלאָר, אַז דער רעזולטאַט פון דער „יום פרימע נאַקטים", דער בכור, איז אויך ניט פון קיין מענשלאַכער, נאָר פון אַ דעמאָנישער אָפּשטאַמונג.

ער געהערט דער גאָטהייט, וואָס איז שולדיק אין זיין געבורט און ער מוז זי צוריקגעגעבן ווערן. (זע ביילאַגע 6).

דער אופן ווי אַזוי מען גיט אין יענער אַלטער צייט דער גאָטהייט עפּעס צוריק, איז דער קרבן. אין דעם פאַל — דער גאַנץ אָפּפער (ביילאַגע 9)). אין דער שפּעטערדיקער צייט איז די אמת׳ע מאָטיווירונג פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט גענומען צוטראַכטן נייע מאָטיווירונגען. דער בכור האָט אויס־

געוויזן צו זיין דאָס בעסטע און מען האָט אים אַלס „דאָס בעסטע פון דעם וואָס מען פאַרמאָגט" גענומען מקריב זיין אָדער אויסלייזן.

אין דער אַלטער צייט איז אָבער דער זין פון מקריב זיין דעם בכר געווען בלויז דער: מ ע ן ג י ט א ו ו ע ק ד ע ם ה י י ל י ק ן ז ו ן צ ו ז י י ן ה י י ל י ק ן ט א ט ן, מען גיט אַוועק דעם בכר צו דער גאָטהייט, ניט ווי אַ טריבוט, נאָר ווי עפּעס, וואָס קומט איר לויטן רעכט און וועלכע זי מאָנט אויף מיט אכזריות. (זע ביילאַגע 11).

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג גייט אויף צוויי וועגן; פון איין זייט נעמט מען דעם בכר אנשטאָט צו טויטן, אַוועקגעבן אַלס טעמפּל־קנעכט אין די הייליקטימער פון יהוה אָדער בעל. ד אָ ס איז דער אופן ווי אַזוי דער גאָטהייט ווערט איצט צו־ריקגעגעבן איר חלק. אָבער אַפילו צו אַזאַ מילדער פאָרם אַנט־שליסט זיך מסתמא ניט יעדע מוטער; בלויז די עקרה, וואָס האָט גאָר קיין קינדער ניט געהאַט און וואָס איר לעבן איז שוין געגנוג ביטער, צוליב דעם, גיט אַ נדר אַוועקצוגעבן איר בכר פאַר אַ טעמפּל־שקלאַף.

אַזוי טוט די אומגליקליכע חנה און אַזוי האָבן מסתמא גע־טאָן נאָך אַ סך פאַרצווייפלטע פרויען.

אין געוויינלאַכע פאַלן ווערט דער בכר בלויז אויסגעלייזט. דער עברי האָט בודאי גאַנץ פרי גענומען פאַרבייטן זיינע ערשט־געבאָרענע זין, אין וועלכע ער האָט זיך געגויטיקט, מיט ציגן, שעפּסן און מיט געלט.

ער האָט דאָ געמוזט האַנדלען אויפן זעלבן אופן, ווי מיטן אייזל, ווען יענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו וויכטיק און ווערטפול אין דער באַלעבאַטישקייט, מען זאָל זיך מיט אים קע־נען שיידן. קיין גרויסע נפקא מניה איז דאָ ניט געווען.

קאפיטל XI

די פריווילעגיעס פון בכר.

ווען דער בכר איז אויף א סימבאלישן אויפן אויסגעקעמפט אדער אויסגעקויפט געווארן ביי דער גאטהייט, און ער איז געבליבן לעבן, האט ער אקעגן די איבעריקע קינדער אויסגעוויזן חשוב׳ער, ווערטפולער, מעכטיקער. „אין אים רינט דאך געט־לאך בלוט!״ האט מען זיך געקלערט; ער איז דאך ניט געגליכן צו אלע שטערבלאכע. ער איז אפשר ווי גילגאמעש, דער העלד פון דעם בארימטן באבילאנישן עפאס, וואס צוויי־דריטל אין אים איז גאט און בלויז איין־דריטל מענש. און פונקט ווי ער איז אין זיין געבורט, אין זיין אפשטאמונג און אין זיין יחוס ניט גלייך צו אלע איבעריקע קינדער, אזוי איז ער אויך ניט גלייך אין דער ירושה. אים געהערט צוויי־דריטל, ער קריגט צוויי מאל אזוי פיל ווי יעדער אנדערער ברודער. (דברים).

אויף די עטלאכע פאלן אין תנ״ך, וואו דער כלל פון בכורה ווערט לפנים געבראכן, דארף מען ניט קוקן ווי אויף דער מעגלאכקייט פון פאטער אוועקצונעמען ביים בכר זיין רעכט. די געשיכטע ווי יעקב נארט אוים די בכורה ביי עשיו׳ן אילוסטרירט עס ניט. דער אלטער יצחק וויים אינגאנצן ניט פון דעם, וואס עס איז געשען צווישן די ברידער.

אויך דער פאל מיט אברהם׳ען, וואס טרייבט ארוים, אויף שרה׳ס פארלאנג, הגר׳ן און נעמט דערמיט אוועק ביי ישמעאל׳ן די בכורה, איז ניט קיין ביישפיל צו איבערצייגן אין דער מעג־לאכקייט פונ׳ם פאטער די בכורה אוועקצונעמען. ווארום יצחק

איז פונקט אזא בכור ווי ישמעאל. ישמעאל איז א בכור ביי זיין מוטער — ביי הגר'ן, און יצחק איז דער בכור ביי ז י י ן מוטער — ביי שרה'ן.

אין דעם פרט האָט דער תלמוד דערהאלטן א ריכטיקע טראדיציע ווען ער זאָגט אז בכרה'שאפט דארף גערעכנט ווערן לויט דער מוטער. דער בכור פון יעדער איינציקער מוטער דארף אויסגעלייזט ווערן. ניט בלויז דאָס ערשטע אינגל, וואָס איז געבאָרן ביי טאטע־מאמע. און אויב אזוי איז דאָ ניט קיין פראַגע פון אוועקנעמען די בכורה פון בכור, נאָר פון געבן זי א י י נ ע ם פון די בכורים.

די פראַגע פון ירושה און די צוויי־דריטל פלעגט נאַטיר־לאַך ארויסרופן בייז־בלוט צווישן די בכרים — קריגן דעם גרעסערן חלק אָבער האָט געקענט נאָר איינער, אין דער אַל־טער צייט, ווי עס ווייזט אויס, דער בכור פון דער ליבסטער פרוי, אָדער דער בכור, וואָס איז אַליין מער באַליבט געווען ביים טאַטן..

אין דער גאָר אַלטער צייט האָט זיך די פאַרטיילונג פון רייכטום קאָנצענטרירט ארום דער פאַרטיילונג פון די סטאַ־דעס. יעדער פון די ברידער האָט זיך געקענט דערביי גיין נאָכדעם וואוהין ער האָט געוואָלט. ער איז מיט גאָרנישט ניט געווען געבונדן. אַנדערש אויפן באָדן פון כנען, וואו די אידן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־ארבעט. די פאַרטיילונג פון דער ירושה האָט זיך דאָ דער־עיקרשט קאָנצענטרירט ארום דער פאַרטיילונג פון באָדן.

אין דער שפּעטערדיקער צייט, ווען דער ערד־באַזיץ איז אָבער צוליב דער שטענדיקער צעטיילונג פון דור צו דור צווישן די יורשים, פאַרקלענערט געוואָרן — האָט זיך געשאַפן אזא לאַגע, אז נאָכדעם ווי דער בכור פלעגט ביי דער חלוקה פון דער נחלה קריגן א דאָפּלטן טייל, פלעגט שוין פאַר די איבע־ריקע ברידער אויסקומען אזא אומבאַדייטנדיקער חלק, אז עס פלעגט פאַר זיי גאָרניט מעגלאַך זיין צו פירן א זעלבסטשטענ־דיקע ווירטשאַפט, און זיי פלעגן מוזן בלייבן ארבעטן ביי זייער עלטערן ברודער, ביים בכור, זייער אייגענע אָרימע נחלה איז

געוועז צו קליין און צו אָרים זיי צו באַשעפטיקן און צו באַ־
שפייזן.

פאַרקערט, האָט די גרעסערע נחלה פון בכר זיך יאָ גענוי־
טיקט אין מער אַרבעטס־הענט, ווי די וואָס ער האָט פאַרמאָגט,
פריער פלעגן דאָך אַלע ברידער צוזאַמען באַארבעטן די שטיק
ערד. איצט איז געבליבן דעם טייל ערד צו באַארבעטן בלויז
א י י ן פאַמיליע — דער פאַמיליע פון בכר.

אָט די דאָזיקע סאָציאַלע אומשטענדן האָבן געפירט וואָר־
שיינלאַך דערצו, אַז דער בכר זאָל מיט דער צייט ווערן דער
האַר אין דער משפחה, און די ברידער זאָלן אים דינען און
בוקן זיך פאַר אים. אַ לאַנגע ווערלכע מיר באַגעגענען אין דער
ברכה מיט וועלכער יצחק בענשט יעקב׳ן.

די צוויי ארליי פאַרצוגן, וואָס דער בכר קריגט נאָכן טויט
פון פאָטער:

1) לויט די אבות־געשיכטן — ער ווערט דער עלטסטער
אין דער משפחה און די ברידער דינען אים.

2) לויט דברים — ער קריגט צוויי־דריטל פון פאַרמעגן,
— זיינען ניט קיין צוויי ארליי מנים בכורות, נאָר ווי מיר האָבן
פריער געזען איז די פאַרשקלאַפונג פון די ברידער צום בכר
געווען דער רעזולטאַט פון זיין גרעסערער ירושה. (פון די
צוויי־דריטל).

דאָס וואָס די אבות־געשיכטן, וועלכע שטעלן פאַר די
ע ל ט ע ר ע צייט — שפיגלען אין זיך אָפּ אַן א י נ ג ע ר ן
צושטאַנד, דאַרף קיינעם ניט וואונדערן. די פאַרפאַסער פון
די אבות געשיכטן וועלכע האָבן געלעבט אין דער מלוכה־צייט,
האָבן אריינגעגעבן אין די געשיכטן דעם סאָציאַלן צושטאַנד,
וואָס זיי איז געווען באַקאַנט. אין דעם פאַל — די פאַר־
קנעכטונג פון די ברידער צום בכר.

קאַפּיטל XII

דער אורשפּרונג און די אַנטוויקלונג פון פּסח.

דער אורשפּרונג און די אַנטוויקלונג פון פּסח איז, ווי יעדער אורשפּרונג און ווי יעדע אַנטוויקלונג, אומקלאָר, טונקל, פאַרווישט. דאָך לאָזט זיך ריין סכעמאַטיש אויפן סמך פון די אויספירונגען צו וועלכע איך בין געקומען אין מיין פאָרשונג, אַנצייכענען און רעקאָנסטרואירן אַ ל י י ט ע ר פ ו ן אַ ט ו ו י ק ל ו נ ג ע ן. יעדער שטאַפּל איז בלויז רעלאַטיוו פאַרבונדן מיטן פאַראויסגייענדיקן און מיטן נאָכגייענדיקן. פון כראָנאָלאָגיע דאַרף גאָר קיין רייד ניט זיין. יעדע שטופע איז אַ פאַרקערפּערטע סיטואַציע אין סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן פון אַ גרויסן טייל פעלקער אויף זייער אַנטוויקלונגס־וועג.

ביי איין פאָלק האָט זיך די אַנטוויקלונג דערביי אָפּגעשטעלט אויף איין פונקט, ביי אַן אַנדער פאָלק — אויף אַ צווייטן פונקט.

עס איז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז איין שטאַפּל אין דעם לייטער פון אַנטוויקלונג האָט געקענט דויערן לענגער, אַז אַנדער שטאַפּל — האָט, פאַרקערט, געקענט נעמען ווייניקער צייט.

ווי אַלט עס זיינען די גלויבונגען, מיט וועלכע אונז קומט אוים צו טאָן, און וואוהין זיי שפּאַרן אָן, צייגט אונז דער מנהג פון מילה, וואָס איז ווי אַלע סמנים ווייזן אונז, אַ מנהג פון דער שטיין־צייט.

די דאָזיקע סכעמע פּרעטענדירט דעריבער ניט צוליב אָט די

אַלע פריער־אָנגעוויזענע טעמים, אויף פולשטענדיגקייט אָדער גענויאיגקייט.

(1) די פּאַטערניטעט איז אומקלאָר, מען ווייס ניט פון דער ביאָלאָגישער שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן פּאָטער און קינד.
דאָס שאַפט אַ מעגלאַכקייט עס זאָלן אויפקומען אַזעלכע גלויבונגען ווי די, אַז פרויען קענען שוואַנגער ווערן פון ווינט, לבנה, זון־שיין, רעגן. דורך עסן באַשטימטע פרוכט, דורך אַ מגע ומשא מיט דעמאָנען, פאַרשטאָרבענע, א. ד. גל.

(2) די פּאַטערניטעט ווערט ביסלעכווייז קלאָר, דערצו איז גורם דאָס נעענטערע צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי אין דער פּאַטריאַרכאַלישער פאַמיליע, וואו איין מאַן האָט עטלאַכע פרויען, אָבער ניט פאַרקערט.

(3) דאָס באַזייטיקט ניט דעם גלויבן, אַז געטער, דעמאָנען, שדים קומען אין אַ מגע און משא מיט מענשלאַכע טעכטער.

(4) עס אַנטשטייט דער גלויבן, אַז אין דעם רעכט אויף דער פרוי קומט פאָר אַ קאַמף צווישן דעם מענשן און דער גאָטהייט.

(5) דער קאַמף ווערט סוף כל סוף צוריקגעפירט על פי אַנאַ־לאָגיע מיט די סאָציאַלע צושטאַנדן וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דער מענשלאַכער געזעלשאַפט צו דעם פאַקט אַז „יוס פּרימע נאָקטיס" איז דאָס רעכט פון דער גאָטהייט.

(6) מלה ווערט דערביי אַ צערעמאָניע דאָס „רעכט" פון דער גאָטהייט צו פאַרזיכערן. די גאָטהייט ווערט אויף

א סימבאָלישן אופן דערקלערט אַלס דער בלוטיקער חתן (חתן־דמים) דאָס מלה זיין געשיט זשלבסטפארשטענדלאַד קורץ פאַר דער חתונה.

(7) עס קומט אויף דער גלויבן, אַז קוים איז „יום פרימע נאָקטים", דאָס רעכט פון דער גאָטהייט מוז מען זי אויך צוריקגעבן ד ע ם ר ע ז ו ל ט א ט פון דעם „י. פ. נ." דעם ב כ ר, אין וועמעס געבורט זי איז שולדיק. דער סאָציאַלער הינטערגרונט — די שפלות, די ביליג־קייט פון מענשלאַטכן לעבן ביי די יעגער־שטאַמען אָדער סתם נאָמאַדן. 84)

(8) עס קומט פאַר דער איבערגאַנג צום האַלבן נאָמאַדנטום ווי לאַנג ער האָט געדויערט אומבאַשטימט.

(9) די געזעלשאַפט ווערט מילדער. דאָס מענשלאַכע לעבן געווינט אין חשיבות, אין ווערט. דאָס איז דער רעזול־טאַט דערפון, וואָס די נייע ווירטשאַפט נויטיקט זיך מער אין דער מענשלאַכער ארבעט.

(10) דער בכר נעמט „אויסגעלייזט" ווערן, ווארשיינלאַך דורך נאַטוראַליען, אַזוי ווי די אידן זיינען פאַסטוכער, — דורך ציגן און שעפסן.

(11) דער באַגריף ווענן אָוועקגעבן דעם בכר צו דער גאָט־הייט ווערט פון די מענשלאַכע ערשטגעבורטן אריבערגע־טראָגן אויך אויף די ערשטגעבורטן פון דער סטאַדע. ו ו ע ן דאָס איז געשען: איידער מען האָט שוין אויפ־געהערט מקריב צו זיין מענשלאַכע בכרים אָדער נאָך דעם — איז ניט מעגלאַך צו באַשטימען.

(12) דאָס אָפפערן פון די חיה'שע ערשטגעבורטן (מסתמא אויפן זיבעטן טאָג) און דאָס אויסלייזן פון די מענשלאַכע

בכרים דורך שעפסן און ציגן פארלירן ביסלעכווייז דעם צוזאמענהאנג צווישן זיך. מיט דער אנטוויקלונג פון פי־צוכט ווערט דאס ערשטע פארוואנדלט אין א גרויסן פאסטוכער־יום־טוב. דאס צווייטע פארלירט אלץ מער די באדייטונג. עס בלייבט א ביידערנאכטיקער מאל־צייט וואו מען קוילעט א ציקעלע און מען באשמירט מיט איר בלוט די טיר. דאס בלוט פון דער ציקעלע איז דער אויסלייז פארן מענשלאכן בלוט פון קינד, וואס האט גע־דארפט געאפפערט ווערן. דאך אפפערט מען ביים פסח־ריטואל ניט נאר ציגן און שעפסן, נאר אויך מענשלאכע בכרים.

(13) דא צווישן עראבערן די בני ישראל כנען.

(14) פסח ווערט געפייערט אין די פאסטוכער־קרייזן. מעג־לאך דורך א באזוך אין א לאקאלן הייליקטום. וואס עס געשיט מיט דער היים־צערעמאניע, וואו דאס לעבן פון בכר דארף אויסגעקעמפט אדער אויסגעקויפט ווערן דורך א ציקעלע — ניט קלאר.

(זע ביילאגע 7).

שלום.

די אַרבעט איז שוין פאַרענדיקט.

איך האָב געצייגט, אַז די פראַגע וועגן דעם אורשפּרונג פון פּסח קען נאָר פאַרענטפערט ווערן, ווען מיר וועלן צוקומען נענטער צו די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוואויגן דאָס מקריב זיין פון די בכּרים.

דאָך זיינען די אויספירונגען געווען צוויי אַרליי. ערשטנס: איז נויטיק געווען אָנצוצייכענען די פאַרשידענע שטאַפּלען, וואָס דער בכורה־מאָטיוו, ביז ער איז פאַרפאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ יום־טוב פון דער סטאַדיע, האָט דורכגעמאַכט. און דאָ איז וויכטיק געווען ניט אויסצולאָזן אפילו זייטיקע אויספירונגען, אויף וויפיל זיי זיינען נאָר דירעקט אַ פועל יוצא פון אונזער אַלגע־מיינער טעאָריע ווי אַזוי פּסח איז אַנטשטאַנען, און אויף וויפיל זיי גיבן איר בעסער צו פאַרשטיין. אין ערשטן ווי אין צווייטן פאַל, איז דער עיקר איבערגעגעבן געוואָרן אין טעקסט — דער קאַפּיטל וועגן דער אַנטוויקלונג פון פּסח איז דערביי געווען בלויז אַ סכּעמע.

פאַרענדיקנדיק די אַרבעט, געפין איך פאַר נויטיק בקיצור אָנצומערקן נאָך אַמאָל און וואָס איך האָב זיך געקענט שטיצן אויף די ביזאהעריקע פאָרשונגען, ווי אויך אין וואָס איך האָב זיך מיט זיי געמוזט אָפּטמאָל דיאַמעטראַל פאַנאַנדערגיין.

איך גיי זיך פאַנאַנדער מיט בענצינגער'ן: אַז מענשן האָבן לכתחילה מקריב געווען די בכּרים פון זייערע שאָף און ציגן און ערשט שפּעטער האָבן זיי על פּי אַנאַלאָגיע דערמיט גענומען מקריב זיין אויך מענשלאַכע בכּרים.

איך האָב זיך באַמיט צו ציינן, אַז די געשיכטלאַכע אַנט־

וויקלונג איז געגאנגען פונקט קאַפּויער. לכתחילה האָט מען מקריב געווען די מענשלאַכע ערשטגעבורטן און ערשט שפּעטער האָט מען אויף אַן אומקאָנסעקווענטן אופן גענומען מקריב זיין אויך די חיה'שע בכרים.

איך גיי זיך אין דעם פּונקט אויך פאַנאַנדער מיט פרייזערן, וואָס דענקט אַז דאָס מקריב זיין פון די חיה'שע ערשטגעבורטן איז דער במקום (דער סאַבסטיטוט) פאַר די מענשלאַכע בכרים.

איך האָב געזוכט צו באַווייזן, אַז די חיה'שע ערשטגעבורטן זיינען ניט קיין במקום, נאָר אַן „אומקאָנסעקווענטע אנאַלאָגיע". עס איז פון די תנ"כ'ישע מאַטעריאַלן ניט מעגלאך צו דרינגען, אַז די קרבנות פון די חיה'שע ערשטגעבורטן זאָלן קאָאָרדינירט ווערן לויט דער צאָל מענשלאַכע בכרים, וואָס האָבן געדאַרפט אויסגעלייזט ווערן.

מיט וואונדט'ס, פרייזער'ס, וועסטערמאַרק'ס טעאָריע, אַז דאָס מקריב זיין פון חיות איז עלטער, ווי דאָס מקריב זיין פון מנעשן, קום איך זיך פולשטענדיק צונויף. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז הגם דאָס מקריב זיין פון חיות איז אין דער וועלט עלטער ,ווי דאָס מקריב זיין פון מענשן, איז אָבער דאָס מקריב זיין פון מענשלאַכע ע ר ש ט ג ע ב ו ר ט ן (בכרים) עלטער ווי דאָס מקריב זיין פון די חיה'שע ע ר ש ט ג ע ב ו ר ט ן. מיר איז אויסגעפאַלן דעם ערשטן אָנצואווייזן די שייכות צווישן דעם בכורה־מאָטיוו און דער „יום פּרימע נאַקטים". הגם די שייכות פון „יום פּרימע נאַקטים" און דער מלה האָט שוין אָנגעוויזן הוגא גרעסמאַן. אין דער אויסטייטשונג פון מלה אַלס אַ פאַר־דער־חתונה צערעמאָניע און אַלס אַ דערקלערונג פון מאַנבאַרקייט קום איך זיך צונויף מיט וועלהאוזן, מאַרטי, ע.ד. מייער, גונקעל, הוגא גרעסמאַן, אַנדרע און וועסטערמאַרק.

בנוגע דעם, אַז די חתונה צערעמאָניעס זוכן אויף אַ סימבאָלישן אופן אָפּצוּוואָוענדן די איבערנאַטירלאַכע געפאַרן, צו וועלכע דאָס יונגע פאָר־פאָלק איז אויסגעזעצט, גיי איך זיך צונויף מיט פרייזער, קראולי, וועסטערמאַרק — איך בין אָבער מער געניי גט די דאַזיקע סכנות צו דערקלערן מיט דעם געדאַנק פון „יום פּרימע נאַקטים" או די מאָטיוון, פון וועלכע זי איז

ארויסגאוואקסן, איידער מיט דער אלגעמיינער סברא פון וועס־טערמאַרק׳ן, אַז יעדער נייער צושטאַנד ווערט ביים פּרימיטיוון באַצייכנט פאַר געפערלאַך און אַזוי ווי חתונה איז אַ נייער צושטאַנד, איז חתונה דעריבער אויך געפערלאַך.

אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער באַשאַפונגס־לעגענדע, און דער געשיכטע וועגן ערשטן חטא האָט מיך פיל ארויסגע־האָלפן גונקעל׳ס קאָמענטאַר, ג. בעער׳ס ארטיקל אין דער „צייט־שריפט פיר די אַלט טעסטאַמענטליכע וויסנשאַפט“ און דר. לעווי׳ס ארטיקל אין דעם פסיכאָאַנאַליטישן זשורנאַל „אימאַגאָ“.

אין דער אויסטייטשונג וועגן די אורשפּרינגלאַכע מאָטיוון פון בכרה גיי איך זיך פאַנאַנדער ניט נאָר מיט בענצינגער, קיטעל, נאָר אויך מיט פרייזער׳ן. מיר שיינט, אַז זיין איבערגעבורט טע־אָריע איז ניט באַרעכטיקט און ניט באַוויזן. אַ שפּור פון צוויי־פעל האָב איך שוין געפונען ביי וועסטערמאַרק׳ן. די אַרגו־מענטאַציע איז מיר אָבער אַליין אויסגעקומען אויפצובויען. די מאָטיווירונג פאַר דעם פאָרצוג פון בכר אין דער ירושה, ווי איך האָב זי פאָרמולירט על פּי אַנאַלאָגיע צום גילגאַמעש־עפּאָס איז דער לאָגישער רעזולטאַט פון מיין אַלגעמיינער טעאָריע וועגן דעם אורשפּרונג פון בכרה מאָטיוו.

אין פאַרבינדונג דערמיט איז ביי מיר אויפגעקומען די פראַגע וועגן דער פּריאָריטעט פון איינעם פון די צוויי אַרליי בכרה־פאָרצוגן: דער בכר קריגט צוויי־דריטל פון דער ירושה (דברים).

דער בכר ווערט דער האַר איבער זיינע ברידער (די אבות־געשיכטן). איך האָב די פראַגע געלייזט אין דער ריכטונג אַז די צווייטע סאָציאַלע פּריווילעגיע פון בכר איז דער אויספלוס און דער היסטאָרישער רעזולטאַט פון דער ערשטער זכיה.

אין דער פראַגע וועגן דער פּריאָריטעט פון דער פּרימאַגע־ניטור אָדער דער אולטראַמאַגעניטור בין איך פאַר דער פּריאָרי־טעט פון דער ערשטער. (קעגן פרייזער׳ן). איך זוך צו מאַכן געברויך פון דער תלמודישער טראַדיציע, אַז דער בכר ווערט גערעכנט לויט דער מוטער און ניט לויט׳ן פאָטער. יצחק איז

דעריבער, לויט מיין מיינונג, פונקט אזא בכר ווי ישמעאל און יוסף איז פונקט אזא בכר ווי יהודה.

כדי באמת קלאָר און דייטלאַך צו אַנטוויקלען די טעזיסן, וואָס איך האָב במשך פון דער פאָרשונג ארויסגעבראכט, וואלט נויטיק געווען אָנצושרייבן אַ מער א ו י ס פ י ר ל א ך ווערק.

דאָס איז אָבער פאר מיר צוליב כמה טעמים ניט מעגלאַך געווען. איך האָב זיך דעריבער געמוזט באַנוגענען מיט אַט דער פראַגמענטאַרישער, צוזאַמענגעפרעסטער, סכעמאַטישער, ניט פּראָפּאָרציאָנעל פאַרטיילטער ארבעט וועגן פסח, ווי זי איז איצט.

איך ענדיק אָבער די פאָרשונג מיט דער האָפענונג, אונטער בעסערע אומשטענדן, אומקערן זיך צו איר א צווייט מאָל.

פארענדיקט דעם 31טן דעצעמבער, 1925, ניו יארק.

ביילאגעם

ביילאַגע איינס

אויפקום און באַדייטונג פון jus primae noctis

אין דער אויפפאַסונג, אַז דאָס jus primae noctis איז דאָס רעכט פון דער גאָטהייט, האָט פיל אויסגעהאָלפן די לעבע־דיקע טראַדיציע (אויב ניט די קעגנוואַרטיקע פּראַקטיק) פון דער צייט, ווען פרויען פלעגן אַריינגעקראָגן ווערן דורך רויב*). אַז איינציקער איז ניט געווען ביכלות דורכצופירן אַזאַ רויב־עקס־פּעדיציע, ער פלעגט אַלעמאָל מוזן מיטנעמען מיט זיך זיינע חברים. יענע האָבן אָבער דערפאַר פאַרלאַנגט אַ חלק אין דער פרוי; אַזוי ווי די פירער פון אַזעלכע רויב־עקספּעדיציעס זיינען אָפטמאָל אויך געווען די פירער פון שבט, פלעגט זיי מוזן צוגעוויזן ווערן דאָס jus primae noctis**

אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער וועג ווי אַזוי j. p. n. האָט געקענט אויפקומען. אויף אַט דעם ערשטן אופן באַ־שטייען די יעניקע פאָרשער, וואָס באַטראַכטן מאָנאָגאַמיע פאַר דער אורשפּרינגלאַכער פאָרם פון הייראַט.

די יעניקע פון צווישן די פאָרשער, וואָס האַלטן אָבער, אַז די אורשפּרינגלאַכע פאָרם פון הייראַט איז געווען פּאָליגאַמיע

---

*) אַ זכר פון אַט דער זייער אַלטער פירונג דורך רויב אַריינצוקריגן פרויען איז דערהאַלטן אין שופטים כ"א 21. אַריינקריגן פרויען דורך מלחמה איז נאָך דעם פאַרפאַסער פון דברים (כ"א 10—14) גוט באַקאַנט. פאַרגלייך דערצו.

M. Loehr, Kulturentwicklung. s. 57.

W. Wundt, Elements of folkpsychology.**

Zeitschrift f. Angew, Psychol. Bd. B. 1914. s. 287.

Westermarck, History of Human Marriage, p. 78.

און אז די פרוי האָט געהערט ניט צו קיין איינצלנעם מאַן, נאָר צום גאַנצן שבט — באַצייכענען די פירונגען, וואָס ווערן אָרונטערגעפירט אונטער דער קאַטעגאָריע פון jus primae noctis אַלס אַ רעכט און אַלס אַ פאַרגיטיקונג פון יענער פּאָליגאַמישער צייט. די פירונגען ווילן טיילווייז גוטמאַכן דעם פאַרברעכן אַקעגן דער געזעלשאַפט, וואָס יעדער יחיד באַגייט, ווען ער נעמט אַ פרוי.

און אויך אין דעם פאַל אויב די אינטערפּרעטאַציע איז גענוג באַגרינדעט,*) זיינען די באַציאונגען פון דער מענשלאַכער געזעלשאַפט אריבערגעטראָגן געוואָרן אויף די פאַרהעלטענישן צווישן דעם מענשן און דער גאָטהייט. און פּונקט ווי אין דער מענשלאַכער געזעלשאַפט, איז דאָס יוס פּרימע נאָקטיס געווען דער רעשט פון דער צייט, ווען פרויען האָבן געהערט צום גאַנצן שבט און ניט צו יחידים, אַזוי איז אויך דאָס יוס פּרימע נאָקטים פון דער גאָטהייט געווען אַ רעשט פון אַ צייט, ווען דער מענש האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די גאָהייט איז די איינציקע באַפרוכפּערין פון לעבן, אַז די גאָטהייט איז די איינציקע, וואָס איז שולדיק אין דעם געבורט פון קינדער. וועלכע פוןביידע אינטערפּרעטאַציעס, וואָס זיינען דאָ פון מיר אויפגעוואָרפן געוואָרן פאַרמאָגט מער אמת אין זיך, איז פאַר מיר שווער צו באַשיידן. מעגלאַך, אַז אין איין פּלאַץ איז די אַנטוויקלונג פאָרגעקומען אויף איין אופן, אין אַן אַנדער פּלאַץ אויף אַן אַנדער אופן.

ווי טיף עס איז געווען אין אַלטערטום דער גלויבן, אַז דאָס יוס פּרימע נאָקטים געהערט די ניט־גוטע, די שדים, זעט מען אויך פון דעם, וואָס די פריע קריסטלאַכע קירך האָט פאַרלאַנגט פון די חתונה־געהאַטע פאַרלאַך זיי זאָלן די ערשטע נאַכט ניט פאַרברייגען ווי מאַן און פרוי. זיי האָבן זיך באַרופן דערביי אויף דעם אינצידענט, וואָס ווערט באַשריבן אין דעם אַפּאָקריף פון טאָביאַסן (זע ביילאַגע 9). עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די דאָזיקע גלויבונג האָט די קירך איבערגענומען פון פּאַגאַניזם.

*) זע יוס פרימע נאקטים —
Westermarck, Hum. Marriage.
Spencer and Gillen, Native Tribes of Central Australia, p. 102-103.

אײנמאָל אויפגענומען, איז עס אָבער געוואָרן א װיכטיקער טײל פון קריסטענטום.

אזוי, למשל, שרײבט פאַר דער קאָנציל פון אַלע גײסטלאַכע, װאָס װערט אָפּגעהאַלטן אין יאָר 398 אין Carthage פאָלגנדיקעס:

When the bridegroom and bride have received the benediction let them remain the same night in a state of virginity out of reverence for the benediction.

(G. Frazer, Folklore in the O. T. vol. I, p. 497.)

Das Weib, vol. I, p. 325, 326. אנדערע בײשפּילן זע אויך בײ ק. פלאָס

דער טערמין װערט אָפּטמאָל אויך פאַרלענגערט פון אײן טאָג אויף גאַנצע דרײ. אין די קאַפּיטולאַריעס פון Charlemagne װערט געשריבן:

Let the bride at the proper time, according to the custom be blessed in priestly fashion by the priest with prayers and obtations and after she has been guarded by bridesmaids, as usage demand, and attended by her relations, let her at the proper time, be legally asked and_given and solemnly received; and let them for two or three days devote themselves to prayer and the observation of chastity in order that good offspring may be begotten, and that they may please the Lord in their actions.*

(G. Frazer, Folklore, vol. I, p. 480.)

כאַראַקטעריסטיש אין אָט דער דערקלערונג איז דער פּונקט, װאָס זאָגט, אַז די דרײ נעכט זאָלן אָפּגעהיט װערן כדי קינדער זאָלן שפּעטער קענען געבאָרן װערן. דאָ זעט מען בולט די אַלטע שײכות צװישן דער פּירונג פון דעם יום פּרימע נאַקטים און די װײטערדיקע געבורטן, װאָס װעלן ניט געשטערט װערן, אויב די פּרוכטבאַרקײט־דעמאָנען (די שדים, די גאָטהײט) װעט נאָר אָװעקגעגעבן װערן „זײערס“, דאָס, װאָס זײ „קומט“.

עס איז װיכטיק צו באַמערקן, אַז די פאַרשריפטן פון דער קירך װעגן אָפּהיטן די “טאָביאַס־נאַכט„ זײנען בפּועל ממש אויסגעפירט געװאָרן אין לעבן. מען זעט דאָס פון די אַרכיװ־מאַ־

טעריאַלן, וואָס איז געלונגען אויפצוזאַמלען בנוגע דער פראַגע.

עס איז, הייסט דאָס, געווען ניט נאָר א זאַך פון רעליגיעזע
האַנטביכער (אין א רעליגיעזן האַנטבוך פון אַכטן יאָרהונדערט
ווערט די טאַביאַס־נאַכט בפרטיות באַגרינדעט) נאָר א גלויבונג,
וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין פאָלק נאָך פון די אַלטע צייטן.

ביילאַגע צוויי

אין אינדיע, למשל, טראָגן חתן־כלה עטלאַכע טעג פאַר
דער חתונה שמוציקע און צעריסענע קליידער. אויף די פידזישע
אינזלען שערט מען דער כלה אָפּ די האָר, ביי די קאַפירן גאָלט
מען אָפּ די קאָפּ (קראָולי זייט 335). דער זעלבער מנהג פון
אָפּגאָלן די האָר, זאָגט מען, האָט אויך עקזיסטירט ביי די
אידן מיט א יאָר הונדערט־פערציק צוריק (זע אין אַמעריקע אי־
דישע חתונה אין כעלם, אידישע פילאָלאָגיע, העפט 4—6, זייט
392, 1924). אויף גריכישע מיידלאַך פלעגן בעת דער חתונה
אָפּשערן עטלאַכע לאָקן. דער שכל פון די אַלע מנהגים איז
צו פאַרגיטיקן די רוחות, געבן זיי עטוואָס ווי אן אויסבייט.
די זעלבע באַדייטונג האָבן אויך געהאַט די אַנדערע מנהגים, ווי דאָס
באַשיטן חתן־כלה מיט רייז, מיט מעל און נאַשערייען (גריכנ־
לאַנד); מיט ניס אין רוים (זע קראָולי זייט 324); מיט ווייץ
(ביי די אידן אין אַלטערטום). אין דער נאָטיץ וועגן אן אַמאָ־
ליקער אידישער חתונה, וואָס ווערט געבראַכט אין "דער אידי־
שער פילאָלאָגיע„ ווערט געזאָגט, אַז מען פלעגט באַוואַרפן דעם
חתן מיט ניס, צוקערקעס און ראָזשינקעס ניט אויף דער
חתונה, נאָר דעם לעצטן שבת פאַר דער חתונה, ווען מען
פלעגט אים א ו י פ ר ו פ ן צ ו ד ע ר ת ו ר ה. דאָס
איז אָבער ניט וויכטיק; דער סדר פון די צערעמאָניעס איז, ווי
עס ווייזן פאַרשידענע פאַרגלייכן, פילמאָל געביטן געוואָרן. אויך
צערעמאָניעס, וואָס זיינען לכתחילה געווען פאַרבונדן מיט דער
כלה, האָט מען זיי שפּעטער אַריבערגעטראָגן אויף דעם חתן און
פאַרקערט. א שטייגער ביי די אויסטראַליער איז מען ביי א
טייל שבטים אויך „מהל" מיידלאַך אין עלטער פון בגרות.

וויכטיק איז די כונה און זי איז: דורך די שפייזן און נאָ־שערייען צו שטילן דעם צאָרן פון די ניט־גוטע, וואָס זיינען מלא רציחה אין דער צייט פון דער חתונה. (דאָס באַשיטן חתן־כלה מיט קאָנפעטי איז אַן איבערבלייבאַכץ פון יענע אַלטע מנהגים). כאַראַקטעריסטיש זיינען אויך געוויסע סימ־באָלישע האַנדלונגען אויף די אידישע חתונות אין מיטלאַלטער.

א טייל מנהגים אויף די חתונות האָבן כלומרשט געדאַרפט דערמאָנען דעם חורבן פון ירושלים. ווארום א אידישע חתונה איז געווען, ווי גידעמאַן דריקט זיך אויס, א געמיש פון פרייד און פון טרויער. מערקווירדיק איז אָבער, וואָס די טרויער־צערעמאָניעס זיינען ניט בלויז א צייכן פון א אידישער חתונה אין מיטאַלטער, פריער האָבן מיר פאַרצייכנט ענלאַכע פּירונ־גען אויך אין אינדיע. דאָרטן טראָגן חתן־כלה א פּאָר טעג פאַר דער חתונה שמוציקע און צוריסענע קליידער; אויף א אי־דישער חתונה אין מיטלאַלטער פלעגט דער חתן קומען אין א מאַנטל מיט א קאַפּישאַן; בעת דער מסדר קדושין פלעגט דער חתן מוזן פאַרדעקן דעם קאָפּ מיט דעם קאַפּישאַן, אזוי ווי דער מנהג איז געווען ביי די אבלים. די כלה פלעגט טראָגן א תכריכים־קלייד אויבן מיט א מאַנטל אָדער „קירסען", אזוי ווי אין אבלות. אין אַנדערע געגנטן, דערהויפּט אין רהיין געגענט, איז ווי נאָר דער חתן פלעגט זיך באַווייזן אין שול מיט דער כלה, פלעגט מען אים באַשיטן דעם קאָפּ מיט שטויב אָדער מיט אַש.

ווי ווייניק געמיינזאַמעס מיטן „חורבן ירושלים" די חתונה־צערעמאָניעס האָבן פאַרמאָגט, זעט מען אויך פון א גאַנצע ריי אַנדערע סימבאָלישע האַנדלונגען. גידעמאַן דענקט, אַז זיי גע־הערן צו די טרויער מנהגים, זייער אמתן באַדייט ווען מיר אָבער באַלד אַרויסברענגען. אין וואָס באַשטייען זיי?

נאָך קידושין פלעגט זיך פירן, אַז דער חתן זאָל נעמען דעם גלעזערנעם כוס און זאָל אים א וואָרף טאָן צו דער וואַנט, ער זאָל צובראָכן ווערן. די כונה איז כלומרשט געווען איינצוהאַלטן די שמחה, דערמאָנען אנ׳ם חורבן ירושלים. די ראיה פאַר דעם? גידעמאַן ברענגט א שטעל פון דער גמרא (ברכות דף ל׳), וואו

עס ווערט דערציילט, אַז איינער אַ חכם האָט ביי זיין טאָכטער אויף דער חתונה צוברּאָכן אַ טייער געפעס כדי איינצושטילן די רעשיקע פרייליכקייט. עס לוינט זיך באמת ניט מאריך צו זיין, אַז אויף אַזאַ אופן קומען ניט אויף קיין מנהגים. גי־דעמאַן ברענגט אָבער אַליין געוויסע פירונגען, וואָס זיינען מבטל די השערה, אַז די טרויער־צערעמאָניעס דאַרפן דערמאָנען אָן דעם חורבן ירושלים. ביי דעם קנס־מאָל, שרייבט גידעמאַן, איז נאָכדעם אויך איינגעפירט געוואָרן ברעכן טעפּ, די געסט פלעגן צונעמען די שערבלאַך פאַר אַן אַנדענק. ביי אַ מיידל אויף דער חתונה פלעגט מען נוצן אַ ברכה־כּוס מיט אַ שמאָל העלזל, „גוטערלאַף" האָט עס געהייסן. ביי אַן אַלמנה, איז דאָס געווען אַ ברייט אָפן „קרויז", דאָס איז אַ סימן, באַמערקט גידעמאַן אַליין, וואָס מען דאַרף וועגן אים ניט מאריך זיין...

די לעצטע באַמערקונג פון גידעמאַנען, איז, דוכט מיר, געננוג אָנצוצייגן וואָס עס איז דער לכתחילה'דיקער מיין פון דער חתונה־צערעמאָניע און וואו עס איז דער צוגעקומענער, דער אויסגע'פּשט'לטער.

ביים ברעכן כלים זיינען פאַראַן צווייערליי מאָמענטן: קודם כל דאָס ברעכן אַליין, און צווייטנס, געוויסע סימבאָלן, וואָס די כלים רעפּרעזענטירן; וואָס קולטורעלער אַ פאָלק איז, אַלץ ווייטער פון מקור, אַלץ ראַפינירטער, אַלץ שווערער איז זיי צו פאַרשטיין. אָבער דאָך קענען מיר אויפן יסוד פון אַלגעמיינע פאַרגלייכן דערגיין זייער כונה.

דאָס ברעכן אָדער דאָס רעש'ן, אָנמאַכן טומל, קלאַפּן, שרייען, דאָס איז איינע פון די פירונגען אויף גאַר דער וועלט ביי אַלע חתונות זייער כונה איז צו פאַרטרייבן און אָפּשרעקן די ניט־גוטע. ביי די אַראַבער און ביי די חלוצים אין פּאַלעס־טינע פירט זיך, אַז מען ש י ס ט אויף דער חתונה און מען מאַכט אויף אַזאַ מין אופן טומל.

אין דער שפּעטערדיקער צייט האָט מ ו ז י ק גענומען אויס־פילן די ראָל. עס ווערט דערציילט, אַז דער מהר"ל האָט געהאַל־טען פאַר זייער וויכטיק, די חתונה זאָל זיין מיט כלי־זמר, עס האָט זיך אַמאָל פאַרלאָפן, עס איז געשטאָרבן אַ פירשטין אין

לאנד און עס איז דאריבער פארווערט געוועז יענעם יאר צו שפּילן מוזיק אין גאַנצן לאַנד. האָט מען געפרעגט ביים מהר״ל וואָס טוט מען מיט א חתונה, האָט ער געראָטן אַרויספירן די חתונה אין אַן אַנדער שטאָט ווארום מען טאָר ניט מאַכן אַ חתונה אָן כלי־זמר; ער האָט אפילו מתיר געמאַכט הייסן גוים שפּילן אום שבת (זע גידעמאַן: אידישע קולטור געשיכטע 3, ז. 98) אויך אין דער נאָטיץ וועגן אַן אַמאַליקער אידישער חתונה אין בעלעם ווערט געזאָגט, אַז פון ערשטן טאָג אַן ביזן לעצטן טאָג שבע־ברכות, האָט מען זיך ניט גערירט אָן מוזיק.

געוויס האָט דער מהר״ל אויך זיין פשט געהאַט און דאָס איז „משמח צו זיין חתן כלה“, אָבער דאָס איז אַזאַ טריוויאַלער מאָטיוו וועגן וועלכן עס לוינט זיך אפילו ניט קיין וואָרט צו פאַרלירן.

די סימבאָלישקייט פון די כלים, ווי מען זעט פון גידעמאַנס נאָטיץ, שפּילט אַ ראָל ביים צעברעכן טעפּ, איבערהויפּט אָבער די ברכה־כוסות, זייער פאָרם. מיידלאַך פלעגן נוצן אַ כוס מיט אַ שמאָל העלזל, אלמנות — מיט אַ ברייט. דער כוס אויף וויפיל מען קען דערפון דרינגען, האָט סימבאָליש באַטייט זייער מיידלישקייט. דאָס צ ע ב ר ע כ ן פון די כוסות, האָט אַ חוץ דעם רעש, וואָס איז פאַר זיך גופא אַן אנגעלייגטע זאַך אויף דער חתונה, געדאַרפט באַטייטן דאָס צעברעכן פון דער מיידלישקייט. עס דערמאָנט ניט ווילנדיק אַן געוויסע חתונה צערעמאָניעס ביי פּרימיטיווע פעלקער, וואו די כלה מיטן חתן קומען זיך אַ טאָג פאַר דער חתונה באָדן, אהין קומען אויך אַלע יונגעלייט און מיידלאַך. מען באָדט זיך צוזאַמען און מען פירט זיך אויף „גאַרניט אנשטענדיק“. Müller-Lyer, Die Familie.

עס איז אויך אפשר אַ רעשטל פון דער גרופּן־חתונה. ביי דעם פאַל, שטרייכט עס אויך אונטער דעם פיל מאָל אַרויסגע־בראַכטן מאָטיוו פון פאַרגיטיקן (אויף אַ סימבאָלישן אופן) די רוחות, די שדים. מען שענקט זיי, נאָך וואָס זיי לעבצן. הגם דער עולם איז אַליין ניט קלאָר אין דער כונה פון די מנהגים, פאַר וועלכע ער קלערט צו אומשולדיקע טייטשן, פירט ער ניט ווילנדיק אויס אַלטע מאַגישע פירונגען.

איבערלאָזענדיק די אידישע חתונה אין מיטלאַלטער, ווען מיר זיך אומקערן צו די חתונה־צערעמאָניעס ביי אנדערע פעל־קער.

די בעני אמעדן האָבן, א שטייגער, אזא מין אָפּוואַר־מיטל. דער חתן מיט זיינע פריינט ווערט עטלאַכע מאָל אָפּגענאַרט. ווען זיי קומען נאָך דער כלה, גיט מען זיי א פאַלשע כלה, אָבער ניט די אמת׳ע, די כלומרשטע „כלה" לאָזט זיך פירן און ערשט דעמאָלט, ווען די פּראָצעסיע קומט ארויס אויסערן דאָרף, גיט זי זיך ארויס ווער זי איז און אַטלויפט מיט א געלעכטער. אזא אָפּנאַרעריי קען איבערגעחזרט ווערן עטלאַכע מאָל.

ביי די טראַנסילוואַנישע סאַקסאָנער באהאַלט מען פאַר דער חתונה די כלה מיט צוויי אַנדערע פאַרהייראַטע פרויען אין א טונקעלן צימער און דער חתן דאַרף טרעפן ווער פון זיי דריי איז זיין כלה.

אזעלכע מנהגים זיינען זייער פאַרשפּרייט ביי די אייראָפּע־אישע פעלקער (קראָולי ז. 336). ביי די מאָקשאַיען טאַנצט, למשל, פאַר די געסט אַן אַלטע פרוי אָנגעטאָן אקוראַט אזוי ווי די כלה (קראָולי ז. 337). ביי די עסטאָנער טוט זיך דער כלה׳ס ברודער אָן אין פרויען קליידער און שטעלט מיט זיך פאַר די כלה.

אין ענגלאַנד פאַרשטעלט זיך פאַר א כלה די באָבע, די באַלעבאָסטע פון הויז און אויך א קליין מיידעלע. א הייַנטי־קער עגיפּטישער חתן ווערט צו דער חתונה באַגלייט פון צוויי פריינט זיינע, וואָס זיינען אָנגעטאָן פּונקט ווי ער. ביי די אַביסיניער איז ווען עס האָט חתונה א פירשטין, ווערט זי באַ־גלייט פון איר שוועסטער, וואָס איז אָנגעטאָן פּונקט ווי זי אַליין.

אַט די דאָזיקע אַלע מנהגים האָבן ניט בדעה אָפּצושרעקן די ניט־גוטע, די שדים, ווי דאָס טוען די פירונגען פון שיסן, ברעכן געפעס, שרייען, אויך ניט צו פאַרגיטיקן, ווי מען קען עס אפשר דערגרייכן דורך וואַרפן רייז, ניס, ראָזשינקעס און אַנדערע נאַשערייען. די דאָזיקע אַלע מנהגים האָבן בדעה צו פאַרטומלען, צו צעשטרויען די ניט־גוטע, זיי זאָלן ניט וויסן ווער עס איז ווער און אזוי ארום פאַרלירן זייער שליטה.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע מנהגים געהערן אויך אַזעלכע פּירונגען, ווי חתונה מאַכן דאָס יונגע פּאָר פּאַלק מיט אַ בוים, איידער מען פירט זיי צו דער אמת'ער חתונה.

אַזוי אַ שטייגער ביי די מונדאַסן, נאָכדעם ווי מען באַשמירט דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק מיט אימבער, מאַכט מען זיי ביידן חתונה מיט בוימער. די כלה מיט דער מאַכווע, דעם חתן מיט דעם מאַנגען בוים (קראולי ז. 340).

ביילאַגע דריי

ווען די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוואוינגן אַ גאַנצע ריי פּעלקער צו טויטן די בכורים, איז לפי ערך פיל געשריבן געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט האָט געגאָלטן די ראַציאָנאַליסטישע דערקלערונג, אַז מען פלעגט די קינדער טויטן, ווייל ס'איז ניט געווען גענוג נאַרונג. דר. פרייזער האָט שוין אָנגעצייגט דערויף, אַז דער דאָזיקער קוק האַלט ניט אויס די מינדסטע קריטיק. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּרימיטיווע, אַז זיי רעכענען געוויינלאַך ניט אויס אויף מאָרגן. זיי לעבן פון „האַנט צום מויל".

אויב ווידער, עס וואָלט זיך אפילו יאָ געהאַנדלט וועגן אַזאַ שרעק, טאָמער וועט אויספעלן שפּייז, וואָלט מען גיכער געטויט אַ שפּעטערדיק קינד און ניט דווקא דעם ערשטגעבאָרענעם, דעם בכור. נאַטירלאַך איז די ביליקייט און די שפלות פון מענטשלאַכן לעבן געווען דער סאָציאַלער הינטערגרונט, וואָס האָט ד ע ר מ ע ג ל א כ ט די קינדער־קרבנות, אָבער קיין אורזאַך פאַר זיך גופא, איז עס ניט. דר. פרייזער לייגט דעריבער פאָר אין זיין בוך „דער שטאַרבנדיקער גאָט" אַזאַ מין טעאָריע: עס איז פאַראַן, זאָגט ער, ביי אַ טייל פּרימיטיווע פעלקער דער גלויבן, אַז אין פאַרשידענע פאַלן איז דער טויט פון אַ קינד דער במקום (substitute) פון דעם פאָטערס טויט, און אַז דער פאָטער קריגט אַריין אַ נייעם קוואַל לעבן, ווען ער טויט זיינס אַ קינד.

(The death of the child appears definitely regarded as a substitute for the death of the father, who obtains a new lease of life by the sacrifice of his offspring.)

דאָס קומט אַרויס קלאָר, אַזוי דענקט דר. פרייזער, אין דער טראַדיציע וועגן אַנו, דעם קעניג פון שוועדן, וואָס האָט מקריב געווען איינעם פון זיינע זין, יעדן ניינטן יאָר צו דער גאָטהייט אָדין, כדי צו פאַרלענגערן זיין אייגענעם לעבן.
(J. G. Frazer, The Dying God, p. 51, 100.)

אויך אין פערו האָט מען, אַז דער זון שטאַרבט אָפּטמאָל כדי דער פאָטער זאָל קענען לעבן בלייבן (דאָס פריער דער־מאָנט בוך, זייט 185). אין פאַרשיידענע אַנדערע פאַלן זעט מען אָבער אויך, זאָגט דר. פרייזער, אַז דאָס קינד ווערט גע־טויט ניט אַזוי ווי אַן אויסבייט פאַרן פאָטער, נאָר דערפאַר ווייל מען שטעלט זיך טאַקע פאָר, אַז דאָס לעבן פון קינד שטעלט אין סכנה דאָס לעבן פון פאָטער אוז דעריבער, דענקט פרייזער (דאָס זעלבע בוך ז. 183), אַז דער גלויבן אין דעם ווידערגעבורט פון די נשמות איז שולדיק אין דעם רעגולערן מנהג צו טויטן קליינע קינדער. איבערהויט אָבער ערשטגעבורטן (בכורים).

די הינדוסן זיינען מיט דער מיינונג, שרייבט דר. פריי־זער, אַז אַ מאַן ווערט ווידערגעבוירן אין דער פּערזאָן פון זיין זון. אין די געזעצן פון מאַנו לייענען מיר: דער מאַן נאָך זיין געשלעכטלאַכן מגע ומשא מיט דער פרוי, ווערט אַן עמבריאָ און ווערט צוריקגעבוירן.

נאָכן געבורט פון קינד, געפינט זיך דעריבער דער פאָ־טער אין אַ זייער ניט קיין אנגענעמער לאַגע.

„פון זינט ער איז זיין אייגענער זון, קען ער זיך אַליין אָפּטיילן פון זיין זון און עקזיסטירן? וועט ער ניט גיכער שטאַרבן אין זיין אייגענער פּערזאָן אַזוי שנעל ווי ער וועט קו־מען צום לעבן אין דער פּערזאָן פון זיין זון? דער פאָטער שטייט דאָ פאַר אַ פיינלאַכער דילעמע, וואָרום שטאַרבסטו, האָבנ־דיק אַ זון, ביסטו שוין זיכער, אַז דו וועסט קומען צוריק צום לעבן? זיין עקזיסטענץ איז אין בעסטן פאַל אַ שטערונג, אַ דראָאונג צו דיינעם. ער קען אָבער אויך באַטייטן דיין טויט.

די געפאַר, זעט אויס, ליגט באַזונדערס אין דעם געבורט פון דיין ערשטן זון. אויב דו קענסט זי נאָר פאַרטראָגן, בייקומען, ביסטו זיכער".

קעגן דער דאָזיקער טעאָריע לאָזן זיך מאַכן אַ גאַנצע ריי אויסזעצונגען. און הגם מיר ווילן זי ניט באַרירן אין אַלע אירע מעגלאַכע אויספירונגען, קענען מיר זי דאָך ניט פאַר־בייגיין אויף וויפיל דר. פרייזער זוכט מיט איר צו דערקלערן דעם אורשפרונג פון מקריב זיין די בכרים.

דער שוואַכסטער פונקט פון דער איבערגעבורט טעאָריע איז אייגנטלאַך דער שלוס, אַז געבורט פון בכר איז מער געפערלאַך פאַרן לעבן פונם פאָטער, ווי אַלע איבעריקע געבורטן. פאַרוואָס? פאַרוואָס איז אָבער ערשטגעבורט מער געפערלאַך ווי צווייטגע־בורט און דאָס דריטגעבורט?

קוים האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז דאָס קינד נעמט אַוועק די נשמה פון זיין פאָטער, און אַ מענש אָן אַ נשמה קען ניט עקזיסטירן, וואָלט דאָך אַזאַ גלויבונג, ווען זי וואָלט באמת עק־זיסטירט, געדאַרפט פירן צו דער איבערצייגונג, אַז קינדער דאַרפן איבערהויפּט ניט געבאָרן ווערן, און מען דאַרף זיי טויטן, א ל ע אָן אויסנאַם, נאָך איידער זיי דערזעען די ליכ־טיקע שיין.

אָבער אַזוי ווי אַזעלכע פאַלן פון אַלגעמיינער הריגה זיי־נען אונז ניט באַקאַנט, און אַזוי ווי די ערפאַרונגען אפילו פון פרימיטיוון מענשן זיינען געשטאַנען אין אַ ווידערשפרוך צו דער דאָזיקער איבערגעבורט גלויבונג, ווייזט אונז טאַקע דר. פרייזערס טעאָריע אויס זייער און זייער ניט וואַרשיינלאַך.

און נאָך עטוואָס: אַזאַ אויסדריקלאַכער גלויבן אַז די קינדער זיינען דער איבערגעבורט פון פאָטער איז גאָרניט פאַ־ראַן. מיר ווייסן פון אַן אַנדער פאָרם פון איבערגעבורט־גלויבן, דהיינו: אַז די נייגעבאָרענע קריגן אריין די נשמות פון פאַר־שטאָרבענע מענשן — ניט גראַד פון זייערע עלטערן.

אין דעם פאַל קען אפשר זיין, אַז דער פרימיטיווער פילט זיך באַאומרואיקט, טאָמער, ווער ווייס? אפשר שטעלט אים דאָס נייגעבאָרן קינד טאַקע אין געפאַר. אָבער ביי אַזאַ לאַגע

איז פרינציפיעל ניט וויכטיק צו דאָס איז דער ערשטגעבורט, אָדער דער צענטגעבורט, ווארום אין אַלע געבורט־פאַלן איז „אַ פריאָרי" פאַראַן דער שאָטן פון סכנה...

אָבער אין דער דאָזיקער פאָרם קען דאָך דער איבערגעבורט־גלויבן ניט זיין די דערקלערונג פאַר מקריב זיין פון בכר. עס ווערט דאָך אין קיינע פון די מאַטעריאַלן וואָס פרייזער האָט צו־זאַמענגעקליבן, ניט געזאָגט, אַז דאָס ערשטע קינד, דער בכר, איז דער איבערגעבורט פון פאָטער, און אַז די שפּעטערדיקע גע־בורטן זיינען דער איבערגעבורט פון סתם אבות!

בכלל מאַכט דער מאָגערער מאַטעריאַל, וואָס דר. פרייזער האָט צוזאַמענגעקליבן, דעם איינדרוק אַזוי ווי ער וואָלט ניט געשטאַמט פון גאָר פרימיטיווע פעלקער, נאָר פון פעלקער, וואָס שטייען שוין אויף אַ באַדייטנדיקער שטופע פון קולטורעלער אַנטוויקלונג. און באמת ווען מיר פאַרגלייכן די פאַרשיידענע גלויבונגען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דער ניט־אויפגעקלערטער פאַטערניטעט, די גלויבונגען, אַז דורך עסן אָדער טרינקען קענען פרויען ווערן פרוכטבאַר, אַז דורך באָדן זיך אין הייליקע וואַסערן, אַז דורך אויפנעמען גייסטער, קענען זיי גע־בערן קינדער — פאַרגלייכנדיק אָט די אַלע געבורט־גלויבונגען, דאַרף קלאָר ווערן, אַז דאָס געבערן קינדער דורך אויפנעמען איז זיך גייסטער, געהערט ניט צו די פרימערע גלויבונגען, נאָר צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

די פאָרשטעלונג, אַז עסן קען פרויען מאַכן פרוכטבאַר איז, לויט אַלע וואַרשיינלאַכקייטן, אַ סך עלטער. עסן איז די שטאַרקסטע נויט, וואָס אַ פרימיטיווער קען דורכלעבן. ער קען זיך צוריקהאַלטן פון זיינע געשלעכטלאַכע פאַרלאַנגען, ווען דער שבט האָט ניט געגנוג ווייבער, אָבער הונגער, דאָס איז דער ערשטער אינסטינקט, וואָס פייניקט אים און באַהערשט זיין לעבן. אַ קשיא פאַר וואָס עסן מאַכט דעם מענטשן קלוג, אומ־שטערבלאַך, אָדער וואָס עס מאַכט אים פרוכטבאַר. למאי מאַכט עס אים זאַט ? קוים קען עס טאָן אַזאַ פיינע זאַך ווי מאַכן אים זאַט, איז שוין קיין אוממעגלאַכעס פאַר איר ניט פאַראַן.

אחוץ דער לאָגישער אומבאַגרינדעטקייט פון דר. פרייזערס

מאָטיווירונג, לאָזן זיך די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט צוזאַמענגעבראַכט, אויך אַנדערש ט י י ט ש ן.

ער דערציילט אונז די געשיכטע וועגן דעם שוועדישן קעניג וואָס פלעגט מוזן יעדן ניינטן יאָר, כדי צו קענען ווייטער לעבן בלייבן, מקריב זיין איינעם פון זיינע זין, אַלס קרבן צום גאָט אָדין.

דר. פרייזער וויל פון דער לעגענדע דרינגען, אַז דאָס לעבן פונם פאָטער ווערט געשטעלט אין סכנה דורכן לעבן פון די קינדער, בעת די לעגענדע מיינט באמת בלויז צו זאָגן: אַז טויטנדיק אַ קינד, קען דער פאָטער אַריינקריגן די פאַרבאָרגענע וויטאַליטעט, וואָס אין אים איז געווען. די דאָזיקע לעגענדע שטייט אין אַ נענטערער שייכות מיט דער גלויבונג פון טראַנספערירן לעבנס־ענערגיע, ווי מיט דער טויטונג פון ערשטגעבורטן. אין דער לעגענדע וועגן אָדינען ווערט אגב ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן ערשטן און צווייטן אָדער דריטן קינד. דערצו ווערט אין ערגעץ ניט געזאָגט, אַז דער קעניג איז קראַנק און שוואַך געוואָרן, ווייל ער האָט געהאַט אַזוי פיל זין...

דער גרעסטער טעות, וואָס דר. פרייזער מאַכט אין זיין דערקלערונג, פאַרוואָס די בכרים פלעגן געטויט ווערן, באַשטייט אָבער דערין, וואָס ער באַטראַכט דעם גאַנצן ענין ווי אַ פראַגע צווישן פאָטער און זון — בעת זי איז אין דער אמתן אַ פראַגע צווישן די עלטערן און דער גאָטהייט, וואָס פאָדערט אירס. זאָל די פרוי ניט ברענגען קיין בכר אַלס קרבן און זי וועט מער קיין קינדער ניט האָבן, זי וועט בלייבן אַן עקרה. דעם פאָטער איז ליבער דעריבער אָוועקצוגעבן דעם איין קינד און שפּעטער האָבן אַ סך מער, איידער בלייבן ביי דעם איינעם אין שטענדיקער אומזיכערקייט די גאָטהייט זאָל זיך דאָך ניט אָפּרעכענען ענדלאָך פאַר דעם.

אַז קינדער־קרבנות ווערן ניט געבראַכט כדי צו ראַטעווען עמיצנס לעבן, נאָר אַז זיי ווערן געבראַכט צוליב געבורטס־צוועקן, זעט מען דייטלאָך פון אַ גאַנצער ריי ביישפּילן, וואָס רייזנדע און פאָרשער ברענגען טאַקע פון אינדיע.

(E. Westermarck, Ursprung der Moralbegriffe, vol. 1 S. 381.)

אויך אין די טראַדיציעס און אין די ש ר י פ ט ן פון די הינדוסן ווערן די יעניקע, וואָס ברענגען קינדער־קרבנות באַלוינט מיט אַ צאַלרייכן דור.

אויך אברהם ווערט באַלוינט מיט רייכקייט און אַ ג ר ו י ס ע ר ז ר ע ווען יהוה איבערציינגט זיך, אַז ער איז גרייט געווען אוועקצוגעבן זיין איינציק קינד, יצחק'ן, פאַר אַ קרבן (יצחק איז אַ בכר).

דאָך איז ניט גענוג צו זאָגן, ווי וועסטערמאַרק אָדער ווי קיטעל טוען עס, אַז קינדער־קרבנות פון בכרים זיינען מיטלען צו פאַרזיכערן פרוכטבאַרקייט.

זאָגן דאָס מיינט געבן בלויז די צווייטע העלפט פונם ענטפער. ווארום אומפרוכטבאַרקייט איז באמת בלויז דער רעזולטאַט פון ערגערן דער גאָטהייט דערמיט, וואָס מען גיט זי ניט דאָס, וואָס איר קומט. די יום פרימע נאַקטים. און דעם רעזולטאַט פון דער יום פרימע נאַקטים — דעם בכר.

עס איז אמת, אַז די קרבנות פון בכר זיינען אויסן געווען אויך פרוכטבאַרקייט, (מיכה 1, 7) אָבער לכתחילה זיינען זיי מסתמא אויסן געווען מער ווי פרוכטבאַרקייט. אומפרוכטבאַרקייט — איז בלויז איינע פון יענער מיטלען, מיט וועלכע די פאַרביטערטע גאָטהייט (אָדער פאַרביטערטער דעמאָן) האָט זיך נוקם זיין אָנ'ם מענשן. לכתחילה איז דער, וואָס האָט ניט געבראַכט זיין בכר, געווען אויך אין סכנת נפשות.

ערשט שפעטער האָט מען דאָס אָפּפערן בכרים גענומען באַטראַכטן בלויז ווי אַ מיטל פון פרוכטבאַרקייט. אַלנפאַלס מיינט באַנוגענען זיך מיט אָט דער צווייטער העלפט פון ענטפער, לאָזן די פראַגע פאַרשלייערט, אָבער ניט זען אַריינברענגען עפעס קלאָרקייט אין איר.

אויף וויפיל קינדער־קרבנות זיינען געווען באמת פאַרבונדן מיט די גלויבונגען פון ווייטערדיקן געבורט, זעט מען פון אַזאַ באַשרייבונג ווי די, וואָס ווערט גענומען פונם לעבן פון די איינוואוינער אויף די סאַטפאַר־בערג: „אַן עקרה ברענגט דאָרטן פאַרשיידענע קרבנות צו אַלע געטער, וואָס זי דענקט, אַז זיי

קענען זי העלפן. זי פֿארשפּרעכט אפילו די געטער צו ברענגען גרעסערע קרבנות, אויב נאָר זיי וועלן דערפילן איר בקשה.

ווען דאָס אַלץ העלפט ניט, טוט זי אַ נדר צום גאָט מאַהאַ־דעאַ, מקריב צו זיין פאַר אים דעם ערשטגעבאָרענעם (אויב עס וועט נאָר געבאָרן ווערן אַ אינגל) געבערט זי שפּעטער אַ זון, דערציילט זי אים ניט און זאָגט אים פון איר נדר ניט אויס, ביז עס קומט די צייט פון בגרות, דעמאָלט לאָזט זי אים וויסן איר נדר, וואָס זי האָט געגעבן צום גאָט מאַהאַדעאַ. און איבער־אַ־יאָר ביי די גרויסע יערלאַכע פּייערונגען אויף די מאַהאַדעאַ בערג, וואַרפט ער זיך אַרונטער פון אַ הויכן פעלז און ווערט צושמע־טערט." Westermarck, Ursprung . . . , vol. II, 382.

אַן אַנדער ביישפּיל, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, איז די לעגענדע וועגן דעם קעניג אָסאַקאַ.

דער קעניג אָסאַקאַ האָט אויפגעהאַלטן אַ האַרעם פון הונ־דערט ווייבער, אָבער ניט געקוקט דערויף האָט ער פאַר אַ לאַנ־גער צייט קיין קינדער ניט געהאַט. ענדלאַך איז ביי איינער פון זיינע פרויען געבאָרן געוואָרן אַ אינגל. אָסאַקאַ איז ניט גע־ווען צופרידן. ער וואָלט בעסער געוואָלט האָבן הונדערט אינג־לאַך, אַנשטאַט דעם איינעם. האָט ער זיך געווענדט צו זיין פאַמיליען־כהן און אים געפרעגט, צי וויים ער אפשר פון אַ מיטל, דורך וועלכן ער זאָל זיין ציל קענען דערגרייכן.

„קעניג — איז געווען דער ענטפער, וואָס דער כהן האָט אים געגעבן, — דו מוזט דיין זון דשאַנטו ברענגען פאַר אַ קרבן, דאַן וועסטו אינגיכן האָבן הונדערט זין. ווען דשאַנטוס פעטס וועט זיך רויכערן אין פייער, זאָלן דיינע ווייבער שמעקן דעם ריח, דערפון וועלן זיי געבערן שטאַרקע און מוטיקע זין, אויך דשאַנטו אַליין וועט פון זיין פריערדיקער מוטער אַליין ווידער־געבאָרן ווערן.

אַלץ האָט פּאַסירט ווי דער כהן האָט פאַראויסגעזאָגט, און אין צען חדשים אַרום זיינען אויף דער וועלט געקומען הונדערט זין. Westermarck, Ursprung . . . , II, 382.

הגם מיר קענען ניט ברענגען אַלע פאַקטן, וואָס זיינען

פאַרצייכנט געוואָרן וועגן קרבנות פון בכרים, פונדעסטוועגן וועלן מיר דערמאָנען נאָך עטלאַכע פאַלן.

א) די מוטערס פון א סך אויסטראַלישע שבטים פלעגן זייערע ערשטגעבאָרענע קינדער טויטן און זיי אויפעסן, ווייל זיי האָבן געגלויבט דורכדעם געקרעפטיקט צו ווערן פאַר זייערע שפּעטערדיקע געבורטן.

ב) אין Neusüdwalis פלעגט דער ערשטגעבאָרענער פון יעדער לובּרא פאַרצערט ווערן פון שטאַם. דאָס איז געווען א טייל פון א רעליגיעזער פייערונג.

ג) אין טשאַאימו־קעניגרייך פון כינע, איז געווען א פיי־רונג אומצוברענגען דעם עלטסטן זון און אים אויפצועסן.

ד) ביי א טייל שבטים פון דער בריטישער קאָלומביא פלעגט דער בכר געאָפּפערט ווערן צו דער זון.

ה) די אינדיאַנער פון פלאָרידע פלעגן מקריב זיין זייערע בכרים צום עלטסטן פון שבט.

ו) מענשלאַכע קרבנות פלעגן אויך געאָפּפערט ווערן צום סלאַווישן גאָט פּערון.

(די ביישפּילן גענומען ביי וועסטערמאַק Ursprung Moral. Beg. p. 182.

ביילאַגע פיר

דאָס רוב אידן דענקען, אַז מלה איז פון קדמונים א אידי־שער צייכן. דער אמת איז אָבער, אַז די באַדייטונג פון מלה אַלס א ספּעציפישער צייכן פון צוגעהעריקייט צו דער עדה פון יהוה האָט מלה געקראָגן ערשט שפּעטער, אין גלות בבל, וואו די אידן האָבן געלעבט צווישן ניט גע'מלה'טע.

אַזוי לאַנג ווי די בני ישראל האָבן אָבער געוואוינט אין פּאַלעסטינע צווישן גע'מלה'טע, האָט מלה קיין שטאַם־צייכן ניט געקענט ווערן. מלה האָט אורשפּרינגלאַך מיט דער יהוה־רעליגיע אפילו גאָר קיין שייכות ניט געהאַט.

עס איז געווען א פירונג, וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אויך פון די פעניצער, די בני אדם, די בני מאב, עמון, דער

איינציקער אויסנאם זיינען געווען די פּלשתים (פאַרגלייך ירמיה ד, 34 ; בראשית י"ז ; ויקרא י"ב 3).

Marti, Geschichte d. Israel. Religion 3, p. 43.
H. Gunkel, A. f. P .F. II, p. 20.

ווי אַלט מלה איז לאָזט זיך דרינגען פון דעם אופן, ווי אַזוי מלה פלעגט אויסגעפירט ווערן. זי שטאַמט פון דער פרעהיס־טאָרישער צייט, וואָרום די אַלגעמיינע פּאַראויסזעצונג ביי מלה איז די, אַז די מענער גייען נאַקעט, דערצו ווערן מיר נאָך גע־וואויר (יהושע ה׳ 2, שמות 3), אַז מען פלעגט מהלן מיט שטיי־נערנע מעסערס. א סימן אַז מלה שטאַמט שיר ניט פון דער שטיין־צייט.

Gunkel, A. f. P. F. c. 17, Andree Beschneidung. S. 54.

אַנאַלאָגיעס פון אַנדערע פעלקער, וואו מען האָט באַנוצט אָדער מען נוצט נאָך איצט שטיינערנע מעסער ביים מהלן קען מען געפינען ביי:

R. Andree, Ethnographische Parallelen. Neue Folge. Leipzig, 1889, p. 167, 190.

אַנאַלאָגיעס פון פעלקער, וואו מלה ווערט פּראַקטיצירט:

R. Andree, Die Beschneidung. (Arch f. d. Anthropologie, vol. XIII.)

ווי־ווייט מלה איז ניט קיין ספּעציפיש אידישער מנהג, זעט מען פון דעם חשבון, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן צוויי הונדערט מיליאָן מענשן, וואָס זיינען געמהלט, בעת אידן אויף גאָר דער וועלט מאַכן אויס ניט מער ווי זיבעצן מיליאָן. זע דערצו

Andree, Parallelen, S. 204.

וועגן דער באַדייטונג פון מלה און וועגן דער שייכות פון מלה צו יום פּרימע נאַקטים איז שוין באַמערקט געוואָרן אין טעקסט.

דאָ איז נאָר נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז מלה, גופא, אין דער פאָרם, ווי זי ווערט היינט פּראַקטיצירט, איז דער רע־זולטאַט פון א היפּשער אַנטוויקלונג.

דאָס זעט מען פון א טראַדיציע, וואָס איז דערהאַלטן גע־וואָרן ביי אַן אויסטראַלישן שבט. די לעגענדע דערציילט, אַז

דער אקט פון מלה איז דארט לכתחילה ניט באשטאנען דעריז, וואס מען פלעגט ארונטערציען די פארהויט פון מענלאכן גליה נאר אין דעם וואס מען פלעגט סתם צו'מזיקן דעם גליד. א סך יונגעלייט פלעגן נאטירלאך אויסשטארבן. דעמאלט האט מען זיך דערטראכט, אז אייגנטלאך באדארף מען גאר ארונטערציען די פארהויט. דער אקט פון מלה איז, הייסט עס, צוריקגעפירט געווארן צו א וויניקער געפערלאכער אפעראציע

G. Horne, Savage Life, p. 100-103.

אז די דאזיקע לעגענדע האט א יסוד אונטער זיך, קען מען זען פון דעם פאקט, אז ניט ביי אלע אויסטראלישע שבטים מיינט נאך מלה ביזן היינטיקן טאג, ארונטערציען די פארהויט. זיי האבן א גאנצע ריי אנדערע פארמען פון מלה. דאס רוב באשטייען זיי טאקע אין צעמזיקן דעם מענלאכן געשלעכטס-ארגאן.

וואס קען מען לערנען פון דער באאבאכטונג? זייער וויכטיקס. קודם כל, אז די ספעציפישקייט פון מלה באשטייט ניט אין ארונטערציען די פארהויט, נאר אין צעמזיקן טאקע אויף א געוויסער צייט דעם מענלאכן גליד און ניט לאזן אים דערפילן זיין פונקציע. די צייט ווען מלה דארף אויסגעפירט ווערן, ווערט קלאר באשריבן אין דעם בוך פון ג. הארן און ג. אייזטאן:

The Savage Life in Central Australia.

„ווען דער אינגל ווערט באטראכט אז ער איז שוין גענוג אלט, אדער ווען עס ווערט באמערקט, אז ער פארברענגט צו פיל מיט די יונגע פרויען..."

ביילאגע פינף

די דערציילונג איז מיט די פריערדיקע געשיכטן ניט פארבונדן. ביז אהער איז דערציילט געווארן, אז יהוה האט משהן אויסדערוויילט. איצט הייסט עס מיט א מאל, אז ער וויל אים טויטן. די לעגענדע האט אלזא גאר קיין צוזאמענהאנג ניט

מיט דעם איבעריקן טייל פון שמות. עס איז א גאנץ זעלבסט־שטענדיקע טראדיציע. Gunkel, A. f. P. F., II, 19.

ווי אוראלט די לעגענדע איז דערקענט מען צווערשט פון איר קורץ: זי אנטהאלט אינגאנצן דריי פסוקים. דאן פון איר סטיל, סוביעקט און אביעקט ווערן ניט אנגערופן. זיי דארפן פון הערער אדער פון לעזער געטראפן ווערן. דעריבער די מיספארשטענדענישן, וואס די לעגענדע פארשאפט נאך היינט צוטאג. ווייטער פון איר אינהאלט. אויסטערליש און אפילו אפ־שטויסנד. ענדלאך פון איר זעלבסטשטענדיגקייט. זי איז ניט פארבונדן מיט די געשיכטן וואס קומען פאר איר און די גע־שיכטן, וואס קומען נאך איר. זי קוקט ארויס ווי אן עראַ־טישער בלאק פון דער אורצייט. די פראגע וועגן דעם צוזא־מענהאנג אין וועלכן זי איז אורשפרינגלאך איבערגעליפערט גע־ווארן, איז אלזא פאלש און פונקט אזוי איז אוממעגלאך צו פאר־ענטפערן די פראגע וועגן דעם ארט. וויכטיקער איז די באשטי־מונג פון דער צייט. די האנדלונג שפילט זיך אפ אין דער נאכט פון דער חתונה. זע H. Gressman, Mose, S. 51.

ביילאגע זעקס

עס וואלט זיך געקענט אויסדוכטן, אז דער גלויבן אין דעם געשלעכטלאכן פארקער מיט שדים, פארשטארבענע, זין פון גאט, זעצט שוין אייגנטלאך פאראויס דאס וויסן, אז דער מענלאכער פארקער מיט דער פרוי האט שוין יע עפעס א שייכות מיט גע־בורט. ווען מיר דערמאנען זיך אבער, אז הגם די פאטערניטעט איז אומקלאר, איז דאס געשלעכטלאכע לעבן פון גרויס באדיי־טונג ביים פרימיטיוון. למאי זאלן מיר זיך ניט קענען פאר־שטעלן די לאגע, וואו די שדים און די געטער זאלן אויך וועלן האבן א חלק אין די פ א ר ג ע נ י ג נ ס פון די מענשן...

אין דעם געבורט זיינען זיי נאך ניט שולדיק, אבער ווען די מענשלאכע טעכטער זיינען שיין, קומען טאקע די בני אלהים אריין צו זיי...

דערצו די פארשטעלונג וועגן געבורט דורך א מגע ומשא מיט

גייסטער האָט נאָך אפשר אויך געקענט עקזיסטירן איידער די פּאַטערניטעט איז קלאָר געוואָרן. דאָ האָט עקזיסטירט דער געדאַנק, וואָס פאַרבלייבט נאָך אויף ווייטער ביי אַ טייל פעל־קער, דהינו — אַז די פרוי נעמט אין זיך אויף אַ גייסט, אַ נשמת און אַז דאָס קינד איז אַ פאַרקערפּערונג פון דער נשמה, וואָס האָט אַמאָל באַלאַנגט צו עמיצן אַנדערש. די פאָרשטעל־לונג האָט ביי געוויסע פּרימיטיווע פעלקער געווירקט אויף אַזאַ מין אופן, אַז דער פאָטער פלעגט זיך אָפּטמאָל שרעקן ביים געבורט פון קינד, טאָמער וועט זיין אייגענע נשמה ניט טראַנס־פערירט ווערן אין דעם נייגעבוירענעם, אָבער געוויינלאַך איז אָט די ווענדונג אַ צופעליקע. געוויינלאַך האַנדלט עס זיך וועגן סתם נשמות, וואָס באַוואוינען די מוטער און פירן אַ ווייטער־דיקע עקזיסטענץ דורכן קינד.

דאָס איז טאָקע אַ העכערע שטופע ווי די פאָרשטעלונג, אַז דורך עסן ווערן פרויען שוואַנגער. עס איז דאָ אָבער נאָך אַלץ ניט נויטיק די פאָראויסזעצונג, אַז די פּאַטערניטעט מוז אומ־באַדינגט זיין אויפגעקלערט.

אָט די פאָרשטעלונג פון געבורט אַז די קינדער זיינען די פאַרקערפּערטע נשמות פון פאַרשטאָרבענע, געפינט זיך אין אַ נאָענטער שייכות מיט דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אין בראשית ב. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז יהוה האָט אריינגע־בלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם אין אדמ׳ען כדי ער זאָל קענען לעבן.

די דאָזיקע גלויבונג האָט זיך וואַרשיינלאַך גענומען פון די באַאָבאַכטונגען, וואָס די מענשן האָבן געמאַכט ביי זייערע פאַרשטאָרבענע. אַלץ דוכט זיך איז אין די פריינט פאַרבליבן ווי געוועזן, זיי זיינען ניט קלענער געוואָרן, עס האָט זיך אין זיי, דוכט זיך, גאָרניט געענדערט. בלויז דער אָטעם, אָט וואָס פון זיי איז אָפּגענומען געוואָרן.

עס איז דעריבער געלעגן נאָענט צו אידענטיפיצירן דעם אָטעם מיטן לעבן און מיט דער אורזאַך פון לעבן.

געוויינלאַך האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער אָטעם ווערט פּראָדוצירט פון אַ קליינער אומגעזעענער באַשעפעניש, וואָס באַוואוינט דעם מענשן און ווען זי פאַרלאָזט אים, שטאַרבט ער.

##ביילאַגע זיבן

מיר הערן, אַז דער בכר ווערט שפּעטער אויסגעקויפט אויך דורך געלט, דאָס וואָלט שוין מחוייב געווען, אַז די היים־צערעמאָניע (באַשריבן אין שמות י"ב) זאָל אונטערגיין — אָבער אויפן גורל פון דער דאָזיקער פירונג איז נאָך אויסגעפאַלן אַ לאַנגע געשיכטע.

אויפן באָדן פון כנען האָט מען זי שוין ניט פאַרשטאַנען, און מען האָט זיך געקליגלט וועגן איר אורשפּרונג. מען האָט זי אָנגעבונדן אַ שייכות מיט יציאת מצרים.

אַז מען האָט זי שוין מער ניט פאַרשטאַנען, זעט מען בולט פון דער אַלגעמיינער דעפינירונג בכרים, ניט נעמענדיק אין אַכט זייער עלטער (לויט דער עלטערער פּראַקטיק, פלעגט מען די בכרים וואַרשיינלאַך מקריב זיין אויפן זיבעטן טאָג, פּונקט ווי דאָס געזעץ פאַרלאַנגט עס בנוגע די חיה'שע ערשטגעבורטן).

שפּעטער האָט מען גענומען אַנשטאַט אויפן זיבעטן טאָג צו טויטן, אויפן זיבעטן טאָג אויסצולייזן. דער־מיט האָט זיך נאָך פאַרבונדן מלה, וואָס איז פון פאַר דער חתונה אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן אַכטן טאָג נאָכן געבורט. ביידע האַנדלונגען האָבן זיך צעגויפגעגאַסן, ווי עס שיינט, און פאַר־באַהאַלטן זייערע כאַראַקטער־שטריכן, אפילו אויף שפּעטער ביז צום מיטלאַלטער.

ווען מיר ווילן דעריבער אָנצייכענען דעם אַנטוויקלונגס־וועג פון אָט דער גלויבונג, דאַרף מען זי זיך פאַרשטעלן לפי ערך אַזוי:

דער בכר ווערט אויפן זיבעטן טאָג געטויט.

די בכרים פון דער סטאַדע ווערן אויפן זיבעטן טאָג גע־טויט.

דער בכר ווערט אויפן זיבעטן טאָג דורך דער היים־צע־רעמאָניע (באַשריבן אין שמות ק' 12) אויסגעלייזט.

מלה ווערט אַריבערגעטראָגן אויפן אַכטן טאָג נאָכן גע־בורט.

מלה און דאָס אויסלייזן פון בכר פאַלן אויף אַזאַ אופן צו־זאַמען: צוערשט איז מען אַ גאַנצע נאַכט וואַך (אַ ליל שמורים) און מען פירט דורך די היים־צערעמאָניע (באַשריבן אין שמות ק' 12) און אויף מאָרגן מלה'ט מען דאָס קינד.

אין מיטלאַלטער איז דאָס טויטן אַ ציקעלע און דאָס באַ־שמירן מיט בלוט אָפּגעפאַלן — עס איז אָבער פאַרבליבן די וואַך־נאַכט פאַר דער מלה.

אין מ. גידעמאַנ'ס קולטורגעשיכטע פון 14טן און 15טן יאָרהונדערט לייענען מיר: „איז געבוירן געוואָרן אַ אינגל, פלעגן זיך גוטע פריינט פאַרזאַמלען די נאַכט, וואָס פאַר דער מילה צו דער קינדפעטאָרין אין הויז און לערנען אַ גאַנצע נאַכט. די דאָזיקע נאַכט האָט געהייסן וואַך־נאַכט. דאָס לער־נען איז געווען אַ סגולה, אַז דאָס קינד זאָל ניט „באַנומען" ווערן — דאָס הייסט, אַז שדים זאָלן אויף דעם קינד קיין שליטה ניט האָבן (זע מ. גידעמאַן „קולטורגעשיכטע", באַנד 2, ז. 76. זע אויך זאַמטער Geburt, Hochzeit, p. 132.

אויפן פלאַץ פון דער היים־צערעמאָניע איז אין מיטלאַלטער, ווי מען קען זען, געקומען דאָס מתפלל זיין. דאָס בישמירן די טיר מיט בלוט און דאָס מתפלל זיין זיינען אָבער פּרינציפּיעל גלייך; איןביידע פאַלן האַנדלט עס זיך וועגן אָפּווענדן דעם מלאך המשחית אָדער די דעמאָנען, וואָס לויערן אויפן לעבן פון ניי־געבאָרענעם.

אין שייכות מיט רעשטלאַך פון אַלטע פּירונגען, דאַרף דערמאָנט ווערן דער מנהג, אַז דעם טאָג ערב־פּסח פאַסט גע־ווינלאַך דעם בכר. וואָס זאָל דאָס באַטייטן ? ווי וואונדט, האָט מיט פיל ראיות באַוויזן איז דאָס פאַסטן אַ רודימענט פון מענשלאַכן קרבן.

זעלבסט פייניקונג, פון וועלכע דאָס פאַסטן איז אַ טייל, איז אַ סובלימירטע פאָרם פון זעלבסטאָפּפערונג.

דאָס פאַסטן פון די בכרים דעם טאָג ערב פּסח איז דע־ריבער אַן אומדירעקטע אונטערשטיצונג צו אונזער השערה, אַז בכרים פלעגן געטויט ווערן אום פּסח, אַ פּירונג, וואָס איז

פאַר זיך גופא דער רעשט פון דער גלויבונג, אַז די בכּוֹים געהערן צו דער גאָטהייט, וואָס איז שולדיק אין זייער געבורט.

ביילאַגע אַכט

די טאָביאַס־געשיכטע (איבערדערציילט)

שרה, אַ אידישע מיידל פון עקבאַטאַנאַ, אַ שטאָט אין פּערסיע, האָט שוין חתונה געהאַט ניט ווייניקער ווי מיט זיבן מענער. אָבער יעדער איינער פון זיי איז געשטאָרבן ווי נאָר ער איז צום ערשטן מאָל אַריין צו איר אין קאַמער. אַ בייזער דעמאָן (דער אשמדאי) ,אַזוי דערציילט די מעשה, האָט ליב גע־האַט שרהן און יעדן פון די זיבן יונגעלייט האָט ער געטויט אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער חתונה.

שרה איז געווען זייער אומעטיק און באַטריבט פון דעם. ווען זי האָט איינמאָל דער דינסטמיידל אירער אויסגערעדט, פאַרוואָס זי פוילט זיך אונטער אין דער אַרבעט, האָט זיך יענע ניט געשעמט איר אָפּצוענטפערן : וואָס ? דו ווילסט מיך טויטן ווי דו האָסט שוין געטויט דיינע זיבן מענער, דו גזלנטע! גיי אַהין וואו זיי זיינען געגאַנגען, זאָלסט ניט דערלעבן צו זען קיין זון און קיין טאָכטער אין דיין לעבן!

דאָס האָט ביזן גרונט צעטרייסלט די אומגליקלאַכע אַלמנה. זי איז גרייט געווען זיך נעמען דאָס לעבן. איין זאַך איז איר אָבער געשטאַנען אין וועג. איר פאָטער רגאל, וועלכן זי האָט ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין צער. נאָך לאַנגע יסורים האָט זי באַשלאָסן בלייבן לעבן. אַ צעבראָכענע האָט זיך שרה פאַר־שפּאַרט אין אַן איינזאַמען חדר און האָט דריי טעג און דריי נעכט פאַרבראַכט אין תפילות און טענתים.

אין די טעג פון איינזאַמקייט און יאוש איז זי צוריק שטאַרק געוואָרן אין איר מוט. זי האָט גענומען קלערן, אַז עס קען זיין, דאָס דער זיבעטער מאַן אירער איז זי גאָרניט ווערט גע־ווען. און אַז דער אויבערשטער האָט אָנגעגרייט פאַר איר אַן אַכטן זיווג, וואָס מיט אים וועט זי שוין אויסלעבן אירע יאָרן. אירע בקשות און תפילות זיינען, ווי עס ווייזט אויס,

מקוים געוואָרן. דער אַמתער באַשערטער איז שוין געווען אין וועג און מיט אים דער מלאך רפאל, פאַרשטעלט פאַר אַ משולח. דער חתן איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי איר קרוב טביה, צו וועמען דער מלאך רפאל האָט דערקלערט די גאַנצע געשיכטע אָפּן אַזוי ווי זי איז — דו ביסט איר פאָטערס יורש, האָט ער געזאָגט צו טביהן, זיין גאַנץ עשירות געהערט צו דיר, אָבער דו מוזט חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער. טביה איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. די גרויסע ירושה איז אים געווען צום האַרצן, אָבער חתונה האָבן מיט אַן אַלמנה, וואָס זיבן מענער זיינען שוין ביי איר געשטאָרבן, האָט זיך אים ניט געוואָלט. ער האָט זיך געוואַקלט אַהער און אַהין. סוף כל סוף איז ער אָבער דאָך מסכים געווען. דעמאָלט האָט דער מלאך רפאל צו אים געזאָגט: פאָלג מיך אויס, טביה — איך וועל דיר ווייזן ווי אַזוי מנצח צו זיין דעם אשמדאי. די אַלע וואָס זיינען אַריינגעקומען צו דער אשה האָבן פאַרגעסן דעם אויבערשטן און האָבן זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן זייערע גלוסטונגען. איבער אַזעלכע האָט דער אשמדאי די שליטה. אָבער דו, ווען דו וועסט אַריינקומען צו איר אין חדר, וואַרט אָפּ דריי טעג, פאַרברענג די צייט אין תפילות און תענותים, און ערשט דעמאָלט זאָלסטו זי דערקענען.. אין דער ערשטער נאַכט פאַרברען דאָס האַרץ און דעם לעבער פון דעם פיש, וואָס דו האָסט געטויט אויפן וועג, מאַך אַ גרויסן רויך און דער אשמדאי וועט אַנטלויפן.

אין דער צווייטער נאַכט וועסטו פאַרברענגען אין דער חברותא פון די הייליקע אבות; אין דער דריטער נאַכט וועסטו באַקומען די ברכה, זין זאָלן פון דיר געבאָרן ווערן געזונט און שטאַרק.

אָבער ווען די דריטע נאַכט וועט אַוועקגיין, קום אַריין צו איר.

געשטאַרקט פון אָט די ווערטער, האָט זיך טביה אָנגענומען מיט מוט און האָט חתונה געהאַט מיט דער אַלמנה.

אין דער ערשטער נאַכט, ווען ער איז אַריינגעקומען צו שׂרה׳ן, האָט ער דאָרט פאַרברענט דאָס האַרץ און דעם לעבער פונ׳ם פיש אויף אָנגעגליטע קוילן. דער אשמדאי, ווי נאָר ער

האָט דערהערט דעם ריח, איז גלייך אַנטלאָפֿן קיין מצרים. דאָרט האָט אים דער מלאך רפֿאל געבונדן און ניט אָפּגעלאָזן.

דאַן האָט טביה געזאָגט צו זיין ווייב, צו שרה׳ן: לאָמיר תּפֿילה טאָן הײַנט און מאָרגן און איבערמאָרגן און לאָמיר אין אָט די דריי טעג זיך באַהעפֿטן מיט גאָט, אַז די דריי טעג ווען פֿאַרביי, וועלן מיר זיך באַהעפֿטן איינס מיטן אַנדערן.

אַזוי האָבן זיי תּפֿילה געטאָן די דריי טעג און די דריי נעכט, און ערשט נאָך דער דריטער נאַכט האָבן זיי זיך צוגע־לייגט און זיינען איינגעשלאָפֿן.

דערווייל האָט דער שווער, שרה׳ס טאַטע, אַוועקגעשיקט יע־נעם פֿרימאָרגן אַלע דינער פֿון הויז און איז אַליין אַוועק אויס־גראָבן אַ קבֿר. וואָרום זיבן מענער האָט ער שוין נאָך דער ערשטער נאַכט באַגראָבן. ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגערופֿן צו זיין ווייב: שיק אַרויף איינע פֿון דיינע דינסט־מיידלאַך און זאָל זי זען צי איז ער געשטאָרבן. איך וויל אים מקבר זיין נאָך איידער עס וועט ווערן טאָג.

די דינסטמיידל איז אַרויפֿגעקומען. און ווען זי איז אַריין אין חדר, האָט זי געזען בלויז ווי חתן־כּלה שלאָפֿן מיט אַ קרעפֿטיקן שלאָף.

זי האָט זיך אומגעקערט און גלייך איבערגעגעבן די פֿריי־לאַכע בשורה. האָט רגאל געדאַנקט דעם אַלמעכטיקן, וואָס האָט אים ניט פֿאַרשעמט אויף דער עלטער. ער האָט גלייך געלאָזט פֿאַרשיטן דעם קבֿר און אָנשטאָט אַ קבֿורה, האָט ער דעם חתן צוגעגרייט אַ שיינעם חתונה־מאָלצייט.

טעקסט־קריטישער אַנאַליז וועגן דער טאָביאָס געשיכטע, זע ביי Steuernagel, Lehrbuch, p. 781.

ביילאַגע ניין

געשיכטלאַכע שייכות׳ן

מען דאַרף דאָ אויפֿמערקזאַם מאַכן, אַז דער גאַנץ־אָפּפֿער אונטערשיידט זיך זייער שטאַרק פֿון פֿריערדיקן און געוויינ־לאַכן קרבן, ווען מען פֿלעגט אָפּפֿערן אַ שאָף אָדער אַ ציג —

דאָרט האָט בלויז דאָס בלוט באַלאַנגט צום גאָט, ד אָ ב אַ־ לאַנגט דער גאַנצער לעבעדיקער נפש.

דער מאָטיוו פאַרוואָס דאָס בלוט באַלאַנגט צו דער גאָט־ הייט איז, ווי מיר שיינט, געווען זייער אַ פשוטער. דאָס בלוט אַנטהאַלט אין זיך דאָס לעבן — אָבער דאָס לעבן גע־ הערט דאָך דער גאָטהייט — דער שאַפערין פון לעבן. דאַרף דער מענש פונ׳ם בלוט ניט געניסן.

דאָס מקריב זיין פון בכר אַלס גאַנץ אָפּפער זעצט שוין אָבער ניט פאַראויס, אַז יעדער לעבן געהערט צו יהוה׳ן (הגם דאָס בלוט פאַרבאַהאַלט נאָך איר צויבערווירקנדיקע קראַפט אויך אויף ווייטער), נאָר דער לעבן אין וועלכן ער אַליין איז שולדיק. דער לעבן, וואָס איז דער רעזולטאַט פון דער יום פרימע נאַקטים.

דאָס איז אַ סתירה צו דער פריערדיקער אויפפאַסונג, וואָס מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן.

אין סאַמע אָנהויב, אויף דער ערשטער סטאַדיע פון דער אַנטוויקלונג, איז דאָס בלוט, ווי עס ווייזט אויס, געווען דער איינציקער חלק פון דער לעבעדיקער באַשעפעניש, וואָס האָט געדאַרפט צוריקגעגעבן ווערן דער גאָטהייט. דער מאָטיוו, ווי מיר האָבן עס פריער באַמערקט, איז געווען אַ פשוטער, אין בלוט איז דאָס לעבן, און דאָס לעבן געהערט קיינעם ניט אחוץ דער גאָטהייט — דער באַשאַפערין פון לעבן.

לויט דער ביבלישער ווערסיע, האָט גאָט פון ערד געמאַכט אַ מענשן און האָט אַריינגעבלאָזן אַ נשמה דורך זיינע נאָזלע־ כער.

לויט דער באַבילאָנישער ווערסיע האָט מאַרדוק צוזאַמענ־ געמישט ליים און געטלאָך בלוט, און אַזוי אַרום באַשאַפן דעם מענשן.

אַז אויך די דאָזיקע צווייטע ווערסיע איז געווען אין ישראל, צייגט טאַקע דער פאַרבאָט אין ויקרא פונ׳ם בלוט צו געניסן. מען קען זיך דעריבער פאָרשטעלן, אַז עס האָט געהערשט

אַ מין שטילער אָפּמאַך צווישן „ביידע וועלטן" דאָס בלוט פאַר דער גאָטהייט — דאָס פלייש פאַר'ן מענטשן.

מיט דער צייט דעגענערירט די דאָזיקע אויפפאַסונג פון קרבן.

די סעודה ביים קרבן ווערט פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג, אַז אויך יהוה'ס טייל, וואָס באַשטייט נאָך אַלץ פון בלוט און נירן (און וואָס איר לכתחילה'דיקער מיין איז געווען דאָס צו־ריקגעבן פונ'ם לעבן) נעמט באַטראַכט ווערן ווי יהוה'ס (דער גאָטהייטס), שפּייז, פּונקט ווי דאָס פלייש, פון וועלכן דער מענטש געניסט איז דעם מענטשנס שפּייז. ווען דער שפּייז־מאָטיוו איז געוואָרן דער הערשנדיקער „פּאַרוואָס, האָט מען זיך געטראַכט, בלויז בלוט אַלס שפּייז, אויך די פעטע שטיקער קע־נען „געפעלן ווערן דער גאָטהייט, ווי זיי נעמען אוים ביים מענטשן".

קוים האָט זיך אָבער גענומען האַנדלען וועגן שפּייז, האָט זיך געשאַפן די מעגלאַכקייט פאַר דעם אויפקום פון אַזעלכע מאָטיוון ווי די: אַז דאָס מקריב זיין קרבנות — איז די באַ־שפּייזונג פון יהוה'ן. און אַז די באַשפּייזונג איז אויך אַ מין מסחר, אַ געשעפט. די דאָזיקע מדרגה איז, ווי עס ווייזט אויס, דורכגעמאַכט געוואָרן דורך אַלע פעלקער.

זייער בולט איז די דאָזיקע אויפפאַסונג אין די תפילות פון די איינוואוינער אויפן פלאָרידע־אינזל:

„גרויסער שלאַנג, אור־פאָטער אונזערער, קום אַהער! זע דעם חזיר, וואָס מיר ברענגען דיר פאַר אַ קרבן, עס אויף פון אים דיין חלק און העלף אונז אין קאַמף קעגן אונזערע שונאים. וועלן מיר פּאַקן נאָך חזרים — ברענגען מיר זיי דיר פאַר אַ קרבן".

פּונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש איז אויך די תפילה פון די איינוואוינער אויף די באַנק־אינזלען:

„פאָטער, אַ סך חזרים זאָלסטו האָבן, אַ סך קאַווע צום טרינקען. צוואַנציק זעק פול מיט עסן וועל איך אַרויסשיקן (אויפן ים) אין אַ שיפל. איך רוף צו דיר! קום און העלף! לאָז מיך גאַנצערהייט זיך אומקערן פון ים!" (ביידע ביישפּילן גענומען

פון ה. קונאָוו: „די אנטשטייאונג פון רעליגיע און גלויבן. זע ז. 42, 43).

דער דאָזיקער געדאַנק, הגם אין אין אַ מער ראַפינירטער און סובלימירטער פאָרם, לעבט נאָך אויך אין די אבות־געשיכטן.

דעם דאָזיקן לוין־מאָטיוו זעט מען, באַזונדערס דייטלאַך, אין דער געשיכטע וועגן עקידת יצחק, וואָס איז אין איר צווייטער העלפט איבערגעאַרבעט געוואָרן.

אין דער עלטערער פאָרם האָט זיך די געשיכטע געענדיקט דערמיט ווי יהוה רופט צוריק דעם קרבן. ער לאָזט ניט, אַז יצחק זאָל געטויט ווערן. אַ גענוגנדיקע פאַרגיטיקונג פאַר דעם אַלטן פאַטער.

אָן אינגערן דערציילער איז אָבער די דאָזיקע באַלוינונג אויסגעקומען צו קאַרג און ער לאָזט דעם מלאך אַ צווייט מאָל זיך ווייזן פאַר אברהם'ען. די באַלוינונג ווערט פאַרגרעסערט: מער רייכטום, מער פאַרמעגן, אַ צאָלרייכערער דור. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, ווי מיר זעען, האָט אויסגעברייטערט דעם לוין־מאָטיוו; ניט נאָר הצלחה אין יאַגד, פישפאַנג, אַ גרויסע גערעטעניש פאַרן ערד־אַרבעטער — נאָר רייכקייט בכלל, גליק און איבערהויפּט אַ צאָלרייכער דור.

שפּעטער האָט דער באַלוינונגס־מאָטיוו ביי אידן אָנגענומען אויך אַנדערע פאָרמען. אויף יענע וועלט איז געוואָרן אַ באַלוינונג פאַר די צדיקים. דאָס איז געוועזן דער רעזולטאַט פון אַ פּראָבלעם, מיט וועלכער אַ סך, און צווישן זיי אויך איוב, האָבן זיך געראַנגלט. פאַרוואָס איז דעם רשע גוט אויף דער וועלט און דעם צדיק איז שלעכט. דער ענטפער איז געוואָרן: אויף יענער וועלט וועט שוין אַלץ אויסגעגליכן ווערן (זע ח. שוים גרויסע אידישע געשיכטע ב' 4 זייט). די עלטערע ליטעראַטור, דער תנ"ך, ווייס אָבער ניט פון קיין י ע נ ע ר וועלט. אַלע חשבונות ווערן אויסגעגליכן דאָ, אויף ד ע ר וועלט. ניט ביים אייגענעם לעבן, איז ביים לעבן פון די קינדער, אייניקלאַך, אוראייניקלאַך. דאָס איז שייך דער באַלוינונג, דעם שכר און אויך דער שטראָף, דעם עונש (פאַר־

גלייך דערצו: וואונדט. פעלקער־פּסיכאָלאָגיע באַנד 6, זייט 192. דייטש). ווייל אָבער עמיצער קריגן אַ גוטע באַלוינונג, קען ער עס אויף איין אופן קריגן, ווי די נבאים פּאַרלאַנגען דאָס, דורך מעשים טובים, אָדער ווי דאָס פּאָלק האָט דעם ענין פּשוטער פאַרשטאַנען, דורך רייכע און פיינע מתנות פאַר יהוה'ן.

וואָס ווערטפולער דער קרבן — אַלץ גרעסער דער לויז, איז דער נאָענטסטער שלום צו וועלכן אַזאַ לאָגע קען פירן. אין אַ מגושמדיקער פאָרם איז דער דאָזיקער פּרינציפּ אויס־געדריקט אין דער תפילה פון די איינוואוינער אויף די באַנק־אינזלען (אויבן ציטירט) פיינער, גייסטיקער איז די זעלבע פאַרשטעלונג אין תנ"ך.

מיר באַגעגענען זיך דאָרט מיט אַ נייער סביבה; ניט נאָר אַ מאַטעריעלער, נאָר אויך אַ גייסטיקער פאַרלוסט איז דאָרט פון גרויס חשיבות.

אברהם איז גרייט צו ברענגען זיין איינציק און ליב קינד פאַר יהוה'ן. ער אַנטזאָגט זיך פון טייערסטן צוליב זיין גאָט.

דער דאָזיקער פיינלאַכער גייסטיקער פאַרלוסט איז אויך פאַראַן אין דער אַנדער מאָטיווירונג: צו ברענגען דעם קינדער־קרבן אַלס דעם ראשית עון — „דעם אָנהויב פון מאַכט".

דער פאָטער, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט זיינע זין, האָט גאָר אַן אַנדער באַטרעף אין שבט, מען רעכנט זיך מיט אים מער און ווען עס קומט צו אַ משפּט ביים טויער פון שטאָט, וועט שוין קיין עדות ניט וואַגן צו פאַרדרייען און ליגן זאָגן.

און מיט דעם דאָזיקן טייערן אוצר זיינעם, מיט דעם אָנ־הויב פון זיין מאַכט, מוז ער עס זיך שיידן!

ווי איך האָב שוין געהאַט די געלעגנהייט אָנצואווייזן אין פאַרלויף פון דער גאַנצער אַרבעט, זיינען דאָס שפּעטערדיקע מאָטיוון פאַר דעם קרבן פון בכר, צו וועלכן מען פלעגט זיך ווענדן אין אַן עת צרה.

די אַלטע מאָטיוון זיינען געווען פאַרגעסן און די נייע סאָציאַלע סביבה האָט אַרויסגעבראַכט נייע פּרושים, פאַרשטענד־לאַכערע פאַר דער צייט. ווי אַזוי פּאַסט זיך אָבער אַריין דער אויפקום פון קינדער־קרבנות אין דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג

פון פעלקער, איז דער קרבן פון בכר, וואָס דאַרף כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס אַ גאַנץ אָפּפער — דער ערשטער טיפּ קרבן?

אָדער איז ער אַ צווישן רינג אָדער אַ זייטיקער אָפּגעלע־גענער וועג?

ווי מיר האָבן עס שוין אָנגעוויזן אין דעם ק. 4, איז דער קרבן פון בכר אַלס גאַנץ אָפּפער, ניט דער ערשטער מין קרבנות, וואָס מענשן האָבן געבראַכט.

יענע סאָציאַלע און פּסיכישע סיטואַציע, וואָס האָט דעם קינדער־קרבן אַרויסגעבראַכט: דהיינו, די אומקלאָרע פּאַטערניטעט, די גלויבונג אַז אין דעם רעכט אויף דער פרוי קומט פאַר אַ קאַמף צווישן די דעמאָנען און די מענשן, אַז דאָס יום פּרימע נאַקטים געהערט צו דער גאָטהייט, אָט די אַלע פאַקטאָרן האָבן לכתחילה געפעלט. דער באַזיס פון קרבן איז געווען אַן אַנ־דערער און ווי עס ווייזט אויס לפי ערך דער:

גאָט איז דער באַשעפער פון דער וועלט און די מענשן. אָדער אפשר: געטער האָבן באַשאַפן די וועלט און אַלע לע־בעדיקע באַשעפענישן. די מענשן זיינען זייערע קינדער, אַ שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט מיט דער צייט אין אייגנטלאַכן זין ניט געברויכט מער, ער דערהאַלט זיך נאָך אָבער אין עטלאַכע שטעלן אין תנ"ך.

למשל אין במדבר ק' 21 פּ. 29 עס זאָגט זיך דאָרט: — ווײַ צו דיר מואב, אומגעקומען ביסטו פאָלק פון כמוש, זיינע זין האָט ער געמאַכט פאַר וואַגלער, און זיינע טעכטער האָט ער געלאָזט געפאַנגען ווערן דורכן אמור'ישן קעניג סיחון.

די מענשן פון מואב ווערן דאָ, הייסט עס, באַטראַכט אַלס די קינדער פון זייער גאָט כמוש (קורטיס: פּרימיטיוו סעמיטיק רעליִדזשען טו דיי, זייט). ווי עס איז שוין אין דעם קאַ־פּיטל 4 געצייגט געוואָרן, איז יעדע שלאַכטונג אין אַלטן ישראל געווען אַ קרבן. אין אָט דעם קרבן האָבן אָנטיילגענומען סיי דער מענש און סיי די גאָטהייט.

דער מענש האָט געקראָגן דאָס פלייש; די גאָטהייט — דאָס בלוט. איר „חלק" וואָס דעם מענש איז פון אים פאַרבאָטן גע־ווען צו געניסן.

אַט דער דאָזיקער בלוט חלק פון דער גאָטהייט, דאַרף גע־שטעלט ווערן אין אן ענגער שייכות צום געדאַנק, אַז אַלע לע־בעדיקע באַשעפענישן זיינען די קינדער פון גאָט, און אַז גאָט איז שולדיק אין זייער אַלעמענס געבורט (דערמאָן זיך די אומ־קלאָרע פּאַטערניטעט!). די דאָזיקע צוגעהעריגקייט איז פאַרן פּרימיטיוון אַזוי קאָנקרעט, אַז ווען ער דאַרף דערקלערן און געבן צו פאַרשטיין דער גאָטהייט זיינער, אַז די חזרים, וואָס ער וועט זיי ברענגען פאַר אַ קרבן, וועלן זיין אירס, איר אייגנס, געפינט ער ניט קיין בעסערן ביישפּיל ווי דער: אַזוי ווי מיר זיינען דיינע און פון דיר (קונאָוו: אַנטשטייאונג פון רעליגע, זייט 43).

קורץ, דאָס וואָס מיר נעמען פון דיר געהערט דיר. דאָס אָבער וואָס מיר אַליין גיבן, נעמען מיר פאַר זיך.

ביילאַגע צען

דאָס מקריב זיין פון קינדער צום מלך

ניט בלויז די „מדבר־טענדענצן" פון די נבאים האָבן גורם געווען דערצו, אַז די נבאים זאָלן ניט קענען האָבן קיין ריכטיקע פּערספּעקטיוו פון דעם, ווי די רעליגיע האָט זיך א נ ט ־ וויקלט ביי די בני ישראל און וואָס עס זיינען געווען די לכתחילהדיקע פּאָדערונגען פון יהוה"ן.

דאָ האָט נאָך געווירקט עפּעס א ו י ס ע ר די „מדבר־טענדענצן". מען טאָר ניט פאַרגעסן די צ י י ט אין וועלכער די נביאים זיינען אויפגעטראָטן מיט זייערע שטראָף־רייד.

דער שרעקלאַכער מנהג פון קינדער־קרבן האָט ווידער אויפ־געלעבט, דאָס פאָלק האָט זיך מיאש געווען אינ'ם גלויבן און האָט זיך גענומען צו די אַלטע אויסגעפּרואוווטע מיטלען פון פאַר־צייטן, אפשר וועט מען דורך זיי קענען מהנה זיין יהוה'ן.

„מען האָט ניט אויסגעפאָלגט זיינע געבאָטן, שרייען די נבאים, און דערפאַר איז עס שלעכט" — אַזוי נעמט טראַכטן אויך דער פּ ש ו ט ע ר איד פון יהודה.

וואָס זיינען אָבער יהוה'ס געבאָטן ? די רייד פון די נבאים וועגן יושר זיינען דעם אָרימאַן צום האַרצן. אָבער אַז עס איז די

וויכטיקסטע און די איינציקע פֿאָדערונג פֿון יהוה׳ן איז פֿאַר אים שווער תופס צו זיין.

פֿאַרקערט דעם רייכן, דעם איפּגעקומענעם שטאָטישן הענדלער זיינען די רייד פֿון די נביאים שוין גאָרנישט צום הארצן. געבנדיק אַ קאַרגע מאָס און וועגנדיק אויף דער פֿאַלשער וואָג איז ער דאָך נתעשר געוואָרן!

דאָך פֿילט ער די סכנה, וואָס שטייט אַלעמען פֿאָר. און אויך ער זוכט זיך צו העלפֿן. ווי אַזוי אָבער? ער ווייס אַז מען קען יהוה׳ן מהנה זיין ווען מען טוט זיין רצון, ווען מען היט זיינע געבאָטן. דערביי, וואָס עלטער עס איז דאָס געבאָט אַלץ וויכטיקער, אַלץ חשוב׳ער איז עס, אַלץ ליבער איז עס יהוה׳ן ווען מען פֿאָלגט עס אויס.

סיי דער פּויער פֿון דאָרף און סיי דער הענדלער פֿון שטאָט ווייס אָבער, אַז איינס פֿון יהוה׳ס געבאָטן איז דאָס מקריב זיין פֿון בכר. מען האָט עס אַ לאַנגע צייט ניט אויסגעפֿירט, שווער געווען צו שיידן זיך מיטן קינד. אויסגעקויפֿט אים מיטן זילבער ביים כהן, פֿאַרביטן מיט אַ שעפּס. אָבער צו קומען ניט פֿון דעם אַלע פּלאָגן און אומגליקן אויפֿן לאַנד?

פֿאַר די רייכע און מעכטיקע איז די האַרבע פֿראַגע געווען דרינגענדיקער ווי פֿאַר וועמען ניט איז. אויב דער פּויער זעט אין נביא איינעם, וואָס שטעלט זיך איין פֿאַר זיינע ליידן און פֿאַר זיין גערדיקטן מצב קען דער הענדלער פֿון ירושלים בשום אופֿן ניט איינזען פֿאַרוואָס יהוה זאָל דאָס מיט אַמאָל האָבן עפּעס קעגן זיין וואוילטאָג און זיין עשירות?

ער איז דאָך גרויס און שטאַרק געוואָרן מיט יהוה׳ס הילף, ווי אַנדערש? געוויס איז דאָס פֿאַר זיינע פֿעטע בעק וואָס ער האָט געבראַכט אין מקדש, פֿאַר די שיינע מתנות וואָס ער האָט יהוה׳ן געגעבן. קומען דען ניט קיין באַלוינונגען פֿאַר גוטע מעשים? און אויב דאָס לאַנד איז אין אַן עת צרה איז דאָס נאָר דערפֿאַר, ווייל דאָס עלטסטע פֿון יהוה׳ס געבאָטן, דאָס מקריב זיין פֿון בכר, איז פֿאַרגעסן געוואָרן, איז ניט אויסגעפֿירט געוואָרן.

דערפֿון ווערט קלאָר, פֿאַרוואָס דאָס רייכע און גרויסע ירושלים

האָט געזינדיקט מער ווי דער ווייטער, אָפּגעלעגענער, אָרימער דאָרף. און פאַרוואָס, ווען די נביאים קומט אויס צו ריידן וועגן די קינדער־קרבנות קענען זיי זיך ניט באַגיין ניט דערמאָנענדיק אויך דעם תופת אויסער די ווענט פון ירושלים.

גראָד אין די שטעט איז די נביאים אויסגעקומען אויפצונעמען א קאַמף מיט אָט דעם געדאַנקען־גאַנג און מיט אָט דער שטימונג. נאַטירלאַך קימערן זיך די נביאים זייער ווייניק וועגן דער היסטאָרישער פּינקטלאַכקייט, זיי זיינען איינגעגלויבט אין דעם אמת פון זייערע ה י ס ט א ר י ש ע טראַדיציעס.

דערצו איז לייקענען, אַז יהוה האָט גאָר ווען פאַרלאַנגט אָט דעם שרעקלאַכן גרויל, דעם בלוטיקן קינדער־קרבן, געווען דאָס איינציקע געווער, וואָס איז זיי פאַרבליבן. און מיט אים האָבן זיי זיך באַנוצט. „ס'איז ניט יהוה'ס געבאָט, ס'איז אַ מנהג פון די כנענים", האָבן זיי געשריען און דערמיט געוואָלט פאַרמיאוסן עס, אויסראָטן פונ'ם לעבן. אָבער די נביאים איז עס משמעות ניט געלינגען. דער פרומער קעניג יאשיהו (621) האָט בעת דער רעפאָרם פאַרווערט דאָס דינען צום מלך (מלכים ב. קאַפּ. כ"ג 10) אָבער אונטער זיין נאָכגייער יהויקם האָט דער מנהג ווידער אויפגעלעבט און אָנגעהאַלטן ביזן חורבן ירושלים (ירמיהו י"א 10—13 ; יחזקל ב 30). אויך דאָס ניי־געפונענע געזעצבוך, דער ספר־דברים האָט גאָרניט געהאָלפן. ניט געקוקט דערויף וואָס דאָרט איז דערציילט געוואָרן, ווי מ ש ה האָט שוין די אידן כלומרשט געוואָרנט, אַז ווען זיי וועלן אריינקומען אין לאַנד וועלן זיי געפינען דאָרט אַ פאָלק, וואָס איז מקריב די קינדער אויפן פייער און ער האָט זיי דעריבער אָנגעזאָגט : „היט זיך און טוט ניט נאָך זייער גרויל", האָט עס קיין דערפאָלג ניט געהאַט. דאָס פאָלק האָט געלעבט אין דערוואַרטונג פון גרויסע געשעעענישן און אומגליקן און האָט קיין אויפמערקזאַמקייט דערצו ניט געשאָנקען.

די מלכים האָבן אַליין געצייגט דעם ביישפּיל פאַרן פאָלק. און אַליין מקריב געווען זייערע קינדער צום מלך.

דאָס ווערט דערציילט וועגן אחז'ן וואָס האָט רעגירט 16 יאָר אין ירושלים (מלכים ב קאַפּ. ט"ז 3) ; דברי הימים ב כ"ח 3). ווי אויך וועגן מנשה'ן וואָס האָט אין ירושלים רעגירט 55 יאָר

(מלאכים ב קאפּ. כ"א 6; דברי הימים ב 2 ל"ג 6). געווים דער תהלים דיכטער (קאפּ. 106 פּסוק 35—36) באַדויערט שטאַרק און באַקלאָגט זיינע ברידער, וואָס זיינען פאַרווירט געוואָרן צווישן די פעלקער און האָבן זיך אָפּגעלערנט פון זיי די מיאוסע מעשים, דינען אָפּגעטער, מקריב זיין פאַר די שדים זייערע זין און טעכטער, פאַרגיסן אומזיסטן, אומשולדיקן בלוט. אָבער זיין קול איז אַ קול קורא במדבר ....

אין די פרומע קרייזן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן דעם ריינערן יהוה — גלויבן, ווי די נביאים האָבן אים געפּריידיקט, זיינען אַלע אומגליקן פון לאַנד באַטראַכט געוואָרן, ווי דער רעזולטאַט פון די „מיאוסקייטן" וואָס די בני ישראל זיינען באַגאַנגען "אונטער יעדן גרינעם בוים, און אין דעם טאָל פון חינום".

ווען דער אַלטער כראָניקער דערציילט, למשל, וועגן שלמנסר'ן דעם אַשורישן קעניג, וואָס האָט איינגענומען שומרון און האָט אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט די אידן פון מלכות ישראל, פאַרגעסט ער ניט צו דערמאָנען, אַז דאָס איז געשען צוליב דעם בייז, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעלערנט פון די כנענים און האָבן פאַרגעסן, אַז די געבאָטן פון יהוה זייער גאָט (זע מלכים ב קאפּ. י"ז 16, 17).

אָבער פּונקט ווי אין די נביאים קרייזן האָט מען די אומגליקן באַטראַכט אַלס דעם רעזולטאַט און אַלס די שטראָף פאַר די אשרות, מצבות און פאַר דעם תופת אין טאָל פון חינום, אַזוי האָבן די וואָס פלעגן מקריב זיין זייערע קינדער צום מלך, באַטראַכט גראָד אָט דעם קרבן פאַר דער איינציקער הילף, אין די שווערע צייטן, צו פאַרגיטיקן יהוה'ן.

די רייד פון די נביאים, אַז די קינדער - קרבנות האָט יהוה ניט געפאָדערט, ציינן דאָך, אַז אין פאָלק האָט מען געגלויבט, אַז יהוה פאַרלאַנגט יאָ אַזעלכע קרבנות און אַז אין פאָלק פלעגט מען יהוה'ן ווידמען די קרבנות און ניט קיין אַנדערן.

די אָפטע פּראָטעסטן פון די נביאים ווי אויך די אָפטע איבער־חזר'ונגען פון די געזעצביכער, וואָס האָבן אונטער דער שטראָף פון

טויט געוואָרנט קענן מקריב זיין די קינדער צום מלך, צייגן דערביי ווי א י י נ ג ע פ ו נ ד ע ו ו ע ט דער מנהג איז געווען און ווי וווייניק האָפט עס האָט די סברא, אז דאָס מקריב זיין די קינדער. איז אַ מנהג איבערגענומען פון דער פרעמד אין דער לפי ערך שפּעטערדיקער מלוכה־צייט.

מען האָט זיך, ביים באַגרינדן די סברא, געשטיצט אויף דער עטימאָלאָגיע פונם וואָרט מלך, וואָס קומט כמעט אומעטום פאַר (אויסער אין מלכים א קאַפּ. י״א 7) מיט דעם באַשטימטן אַרטיקל המלך (זע ויקרא כ 5).

דעם דאָזיקן מלך האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַ פרעמדע גאָטהייט, וואָס איז אַריינגעדרונגען פון דער פרעמד.

מען האָט די דאָזיקע גאָטהייט פּרובירט אפילו מיחס זיין מיט די באַבילאָנישע געטער אדר המלך און אנה מלך, וואָס די אַשורי־שע קאָלאָניסטן אין מלכות ישראל, נאָכן חורבן פון שומרון האָבן כלומרשט געבראַכט מיט זיך פון בבל.

די ראיה איז געווען געבויט אויך אויף דער ידיעה וועגן די דאָזיקע קאָלאָניסטן (אין מלכים ב קאַפּ. י״ז 24, 31) אַז זיי פלעגן צו די געטער אדר המלך און אנה מלך מקריב זיין זייערע זין. דער דאָזיקער פאַרגלייך איז אָבער געווען, פון גרונט אויס פאַלש.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער הייליקער נאָמען מלך איז שוין אפילו כלומרשט געלייענט געוואָרן אויף אַסירישע קייל־שריפט־טאָוולען, און דוקא אין שייכות צום מענשלאַכן קרבן, האָט אָבער די גענויערע אויספאָרשונג פון די טעקסטן געוויזן, אַז די, וואָס האָבן געזוכט פּאַראַלעלן אין בבל, זיינען זיך טעה געווען (זע דערצו (Encyclopedia Biblica, p. 388-89) באמת. איז מלך ניט קיין נאָמען פון אַ פרעמדער גאָטהייט, נאָר אַ פאַר־גרייזטע פאָרם פון מלך אָדער המלך, פ א ר ש ט א נ ע ן א ו נ ט ע ר ד ע ם ה אָ ט מ ע ן י ה ו ה' ן ד ע ם מ ל ך , ד ע ם ק ע נ י ג , ד ע ם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ; ג אָ ט פ ו ן י ש ר א ל .

דאָס וואָרט „המלך" איז דערביי ניט געווען קיין זאַך־וואָרט נאָר אַן אייגנשאַפט וואָרט. אַזוי אַ שטייגער ווי אַצינד ביי אידן, דער אויבערשטער, דער רבינו של עולם א. ד. גל. מען זעט עס

קלאָר פון דעם וואָס אין דער מלוכה צייט איז „מלך" אַן אַפּטע באַצייכענונג פאַר יהוה'ן. אַזוי, אַ שטייגער, אין ישעיה קאַפּ. 6 פּסוק 5, ירמיהו קאַפּ. 46 פּסוק 18 אויך 48 פּסוק 15, ישעיה קאַפּ. 44 פּסוק 6. (יהוה דער מלך פון ישראל) און אין אַ סך אַנדערע שטעלן. דאָס זיינען שוין אפשר גענוגנדיקע באַווייזן אַז אונטער דעם מלך, וועמען, מען פלעגט מקריב זיין קינדער־קרבנות, האָט מען פאַרשטאַנען יהוה'ן. מיר פאַרמאָגן נאָך אָבער פאַר דעם אַ בולטע ראיה אויך אין דער פּאָלעמיק, וואָס ירמיה פירט מיט די איינוואוינער פון ירושלים; זיי פאַרברענען זאָגט ער זייערע זין און טעכטער אויפן פייער „עפּעס וואָס איך (יהוה) האָב זיי ניט געהייסן, און וואָס איז מיר גאָר קיינמאָל אויפן זינען ניט אַרויף" (זע ירמיה ז 31; י"ט 5; ל"ב 35). אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם געפינען מיר אויך אין די ווערטער פון יחזקאלן, ער זאָגט, אַז די בני ישראל האָבן ניט אויסגעפאָלגט די גוטע געבאָטן, וואָס יהוה האָט זיי געגעבן (יחזקאל כ 18). דעריבער האָט ער זיי געהייסן מקריב זיין זייערע בכרים (זע יחזקאל כ 25—31) דאָ לייקנט שוין ניט דער נביא אַז יהוה האָט געבאָטן דעם קינדער־קרבן. ער גיט דאָס צו. ער באַרופט זיך אפילו און ציטירט דאָס געזעץ פון שמות י"ג 12 (והעברה כל פטר רחם ליהוה) זע אויך ויקרא י"ח 21. זיין אויסרייד איז דער אַז די אידן פאַרדינען עס, ווייל די בעסערע געבאָטן פון יהוה'ן האָבן זיי אָפּגעוואָרפן.

אַן אַנדער פראַגע, וואָס איז וויכטיק אויפצוקלערן איז צי פלעגן די בני ישראל שוין גאָר איז דער אַלטער צייט מקריב זיין זייערע קינדער אויפן פייער אָדער זיי פלעגן זיך מיט די קרבנות באַגיין אויפן זעלבן אופן ווי די פאַרצייטיקע כנענים, וואָס פלעגן דאָס קינד אַריינלייגן אין אַ ליימענעם טאָפּ און באַגראָבן עס נאָענט לעבן זייער היילי קטום.

די דאָזיקע פראַגע איז פון באַזונדערער וויכטיקייט, ווייל פאַרענטפערנדיק זי, פלעגט מען כסדר אָנצייגן אויף השפעות פון דער פרעמד, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין מלכות יהודה און ישראל זייער שפעט, שיר ניט אין לעצטן יאָרהונדערט פון די מלוכה־יאָרן.

דאָס פאַרברענען אויפן פייער האָט מען אָנגענומען פאַר אַ

פעניציִשן צייכן, ווארום אויך די פעניציער פלעגן צו זייער גאָט מעלקאָכט ברענגען קינדער־קרבנות אויפן פייער.

דאָס מקריב זיין פונם קינדער קרבן, דורך די אידן אין דער שפּעטערדיקער צייט, וואָלט דעריבער להיפך דער מער פּרימיטיווער פירונג פון די כנענים געקענט אויסווייזן ווי אַ מנהג פון דער גאָר שפּעטער צייט.

ווארום אַז די כנענים פלעגן אין דער גאָר אַלטער צייט זייערע קינדער נ י ט פ אַ ר ב ר ע נ ע ן , נאָר סתם באַגראָבן (אפשר לעבעדיקערהייט ?) זעט מען פון די אויסגראַבונגען ; סיי פון די, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין גזר און סיי פון די וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין תענוד. אין גזר האָט מען בלויז אויף צוויי פון צווישן די עטלאַכע און צוואַנציק טויטע קערפּערלאַך, דערקענט סמנים פון פייער. די איבעריקע קינדער זיינען געווען סתם באַגראָבן אין ליימענע טעפּ און מען האָט זיי געפונען אונטערן דיל (Area) פונם היילִיקטום. אַז דאָס איז ניט סתם קיין בית־עולם פאַר קינדער זעט מען טאַקע דערפון, וואָס מען האָט זיי געפונען אין אַזאַ נאָענטקייט פון היילִיקטום, טויטע פלעגן גע־ווינלאַך געגראָבנט ווערן פאַרן א ו מ ר י י ן און בלויז געאָפּ־פערטע קינדער האָבן זיך דאָ געקענט געפינען (G. Barton, Archaeology and the Bible, p. 172). עס איז נאָך אָבער כדאי צו באַמערקן אַז א י ן ג ז ר ז י י נ ע ן אַ ל ע ק י נ ד ע ר ג ע ו ו ע ן נ י י ג ע ב אָ ר ע נ ע . קיינס פון זיי איז ניט געווען מער ווי אַ וואָך אַלט. (Palestine Expl. Fund. Quart. Stat. 1903. p. 32.)

רעכענענדיק זיך דערצו מיט אַלע ידיעות וואָס מיר פאַרמאָגן סיי פון תנ"ך און סיי פון די שפּעטערדיקע גריכישע רייזנדע און היסטאָריקער, וועגן מקריב זיין פון די בכרים ביי די סעמיטן אין כנען קען ביי אונז דעריבער גאָר קיין ספק ניט זיין דעריין אַז דאָס זיינען אין די אויסגראַבונגען פון גזר געפונען געוואָרן ג ע אָ פּ ־ פ ע ר ט ע ב כ ר י ם .

פּראָפעסאָר מעקאַליסטער, וואָס האָט אָנגעפירט די אויסגראַ־בונגען פון גזר גיט נאָך דערביי צו: „עס וואָלט אפשר געקענט אויסקומען אַז די געפונענע קערפּערלאַך זיינען פון פיצלאָך קינדער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן בעת אַ גרויסן אומגליק, אַ

מגפה, אָדער ווי דער רעזולטאַט פון אַ ריטואַל, וואָס פלעגט אויסגעפירט ווערן אין שייכות מיט אַ באַשטימטן סעזאָן פון יאָר. די דאָזיקע ביידע מעגלאַכקייטן זיינען אָבער אויסגעשלאָסן, ווייל אַלע קינדער, וואָס מען האָט זיי מקריב געווען זיינען געווען פון איין עלטער און דאָס מיינט אַז די סיבה צוליב וואָס מען פלעגט זיי טויטן איז געלעגן אין זיי גופא. אין אַ מאָמענט, וואָס האָט זיי פון פריער אויס, ביי זייער געבורט נאָך, באַשטימט אַז מען מוז זיי מקריב זיין.

ביי פאַרשיידענע ראַסן ווערן אָנגעגעבן פאַרשיידענע אורזאַכן, צוליב וועלכע קינדער פלעגן פילמאָל געטויט געוואָרן: אַמאָל, אַ שטייגער, פלעגט אַ מיאוס קינד, אַ פאַרזעעניש, אָדער אַ קינד מיט אַ מום געטויט ווערן. אַמאָל פלעגט מען טויטן אַ צווילינג, ווייל מען האָט געגלויבט אַז זיי זיינען ניט מזל'דיק.

ביי די סעמיטן איז אָבער די וויכטיגסטע אורזאַך צוליב וועלכער מען פלעגט די קינדער מקריב זיין געווען זייער בכרה'שאַפט. פון דעם אַלעמען איז קלאָר אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט געאָפּפערטע בכרים. (Pal. Expl. Fund, p. 33)

אויך די רעזולטאַטן פון די אויסגראָבונגען אין תענוך באַשטעטיקן דאָס דאָרט האָט מען געפונען אַ גרעסערע צאָל טעפּ מיט סקעלעטן פון טויטע קינדער. די אויסגעגראָבענע חפצים אַרום האָבן געציינט, אַז די טעפּ שטאַמען פון זייער אַן אַלטער צייט. אַזוי, אַ שטייגער, האָט מען אַרום די טעפּ ניט געפונען קיין אָרנאַמענטן, קיין באַפּוצונגען ווי מען געפינט עס אָפּט אין די שפּעטערדיקע שיכטן. די מערסטע טעפּ האָבן אַפילו קיין הענטלאַך ניט געהאַט. אין שכנה'שאַפט מיט די טעפּ האָט מען געפינען שטיינערנע מעסערס פון שוואַרצן פלינט. (וועגן די אויסגראָבונגען אין תענוך זע:

E. Sellin, Tel-Ta'anack. (Kaiserliche Akademie der Wissenschaften in Wien. Denkschriften, Philos. Hist. Klasse, Band 50. Abh. 4. S. 32-37).

אויב פון די אַלע געפינסן אין די אויסגראָבונגען איז כמעט ווי זיכער אַז די כנענים פלעגן אין דער ג אַ ר אַ ל ט ע ר צ י י ט זייערע קינדער ניט פאַרברענען נאָר באַגראָבן אין אַ ליימענעם טאָפּ נאָענט פון היילקטום, צי דאַרף מען זיך ניט דעריבער, אויך דאָס מקריב זיין פון די אידן פ אַ ר צ י י ט ן , פאַרשטעלן ענלאַך צו דעם אופן פון די כנענים, דאָס פאַרברענען אָבער פון די בכרים אויפן פייער ווי מען האָט זיך געפירט אין דער שפּעטערדיקער מלוכה צייט זאָל דעריבער פאַררעכנט ווערן ווי אַ מנהג געקומען פון דער פרעמד, פון פעניציען?

וואָס שייך דער ערשטער העלפט פון דער השערה דאַרף מען נאַטירלאַך אָפּוואַרטן ביז ווייטערדיקע אויסגראָבונגען.

בנוגע דער צווייטער העלפט וועלן מיר אָבער באַווייזן, אַז דאָס פאַרברענען די בכרים אויפן פייער האָט אויך פון פריער אויס, האָט לכתחילה געקענט זיין די פאָרם ווי אַזוי די בכרים פלעגן געאָפּפערט ווערן ביי די בני ישראל, וואָרום דער גאַנצער ענין איז אָפּהענגיק אָן די פאָרשטעלונגען וואָס די כנענים און וואָס די בני ישראל האָבן געהאַט וועגן זייער גאָט, אָדער וועגן זייערע געטער.

מען דאַרף פאַרשטיין אַז דאָס באַגראָבן אָדער דאָס פאַרברענען איז אָפּהענגיק אָן דעם, ווי מען שטעלט זיך פאָר דעם אָ ר ט , וואָס די גאָטהייט באַוואוינט.

אויב די גאָטהייט, וועלכער מען איז מקריב דעם קרבן באַ־וואוינט די ע ר ד איז אפשר גלייכער שעכטן און שפּעטער אַריינלייגן אין אַ טאָפּ און בעגראָבן.

אויב אָבער די גאָטהייט באַוואוינט דעם ה י מ ל טויג זיך שוין די פריערדיקע פאָרם ניט אויס. מען דאַרף דעם קרבן פאַרברענען און דער געשמאַקער ריח דערטראָגט זיך ביזן הימל.

יהוה האָט שוין לויט די עלטסטע פאַרשטעלונגען פון די בני ישראל געלעבט אין די כמאַרעם אָרום חרוב אָדער אָרום סני. ברענגען פאַר אים אַ קרבן האָט געמיינט פאַרברענען. אפילו אין דער אַ ל ט ע ר צייט.

פון דעם אויס ווערט ביי אונז פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס, דאָס פאַרברענען האָט אפילו קיין פעניצישער ש ט ר י ד ניט באַ־

דאַרפֿט זיין. עס איז געווען די לכתחילהדיקע פֿאָרם פֿון מקריב זיין דעם בכר ביי די בני ישראל נאָך פֿון פֿאַרצייטן. און עס מאַכט ניט אויס וואָס סיי די כנענים און סיי די עברים האָבן געהאַט בשותפות דעם מנהג צו טויטן זייערע בכרים און וואָלטן אפשר באַדאַרפֿט האָבן בשותפות אויף דעם ריטואַל ביים אָפּפֿערן. ס'איז קיין סתירה ניט, ווארום די נפקא מינה איז ניט קיין פֿונדאַמענטאַלע נאָר אַ סביבה'דיקע און איז דער רעזולטאַט פֿון די ספּעציעלע אַטריבוטן וואָס ביידע האָבן, פֿאַר זיך, צוגעשריבן זייערע גאָטהייטן. דער בעל איז געווען דער אייגנטימער פֿון דער ערד, יהוה האָט באַוואוינט דעם הימל.

ביילאַגע עלף

זינד און פֿאַרברעכן ביי די אידן פֿאַרצייטן

דער דייטשער פֿאָרשער יוסטוס קעבערלע האָט שוין אין זיין בוך „זינדע און גנאַדע אים רעליגיעזען לעבען דעם פֿאָלקעס איז־ראַעל (1905) אָנגעוויזן דערויף, אַז די די פֿאַרהעלטענישן צווישן גאָט און מענטש זיינען ביי די פֿאַרצייטיקע אידן, ווי ביי די סעמיטן בכלל, ביז צו זייער אַ גרויסער מאָס, באַזירט געווען אויף אַ רעכטלאַכן, אַ יורידישן שטאַנד־פּונקט.

אַ גאַנצע ריי זאַכן האָט מען זיך פֿאַרגעשטעלט אַלס דאָס אויסשליסלאַכע אייגנטום פֿון יהוה'ן; באַנוצן זיך מיט אָט דעם אייגנטום איז דעם מענטשן געווען פֿאַרווערט. עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז אַפֿילו אויף דער העכערער מדרגה פֿון רעליגיעזער אַנטוויקלונג איז אָט די פֿאָרשטעלונג וועגן יהוה'ס אייגנטום ניט פֿאַרגעסן געוואָרן. אין דער אַלטער צייט האָט מען אַלס אַן אָנגריף אויף יהוה'ס אייגנטום באַטראַכט דאָס באַנוצן זיך מיטן הייליקן אויל אָדער ווייררויך פֿאַר אַנדערע, ניט קיין הייליקע צוועקן (שמות קאַפּ. 30 פּסוק 32, 37); דאָס עסן פֿון קרבן־פֿלייש וואָס איז לכתחילה אינגאַנצן באַשטימט געווען פֿאַר יהוה'ן (ויקרא קאַפּ 6

פסוק 11, 20, 21 קאפ. 10 פסוק 17 פארגל. קאפ. 7 פסוק 1, 6. קאפ. 14 פסוק 13 ; במדבר קאפ. 18 פסוק 9).

דאס ניט ברענגען אין הייליקטום דעם צענטן, די בכורים אדער דאס ברענגען מתנות מיט א מום (פארגלייך שמות י"ג 2 ; ויקרא י"ט 23 ; כ"ג 10, 17 ; במדבר ג 13, י"ה 20, י"ח 12, 13, 15, 21 ; ויקרא כ"ז 30, 32, 33).

אלס אן אנגריף אויף יהוה'ס רעכט האט מען אויך באטראכט דאס געניסן פון בלוט אדער פון דעם פעטס (פארגלייך : בראשית ט 4 ; ויקרא ג 17 ; ז 26 ; י"ז 10—14 ; י"ט 3, 26, ז 23 — 25) אדער צוריקהאלטן עפעס, וואס איז, פון פריער אויס, באַשטימט געווען פאר יהוה'ן דורך א נדר, וואס דער מענש האט זיך געגעבן. (זע א שטייגער ויקרא י"ז, במדבר 8).

ביים ליכט פון אט די גלויבונגען ווערן אונז פארשטענדלאך א טייל תקנות און געשיכטעס פון תנ"ך, וואס זעען אויס, פון אויבן אויף, אומפארשטענדלאך. די אומבארירטקייט פון קעניג ווי יהוה'ס געזאלבטער, די אומבארירטקייט פון כהן, דער פארבאט אריבערצוטרעטן געוויסע פלעצער פון הייליקטום און נאך א גאנצע ריי אנדערע געבאטן שטיצן זיך הויפטזעכלאך אויף אט דער פארשטעלונג פון יהוה'ס אייגנטום, וואס קיינער טאר פון דעם ניט געניסן.

בכלל דארף מען געדענקען, אז די רעליגיעזע פארשטעלונג וועגן זינד און פארברעכן זיינען אין דער אלטער צייט זייער פרימיטיוו.

אין בבליש הייסט זינדיקן : אקאלו איקקיבא, וואס באטייט, עסן פון פארבאטענעם. ד. ה. פון דעם וואס די גאטהייט האט זיך באשטימט פאר איר אייגענעם געברויך, און וואס איז במילא איר אייגנטום.

אז געשלעכטלאכע מגע און משא איז א זינד, ווייל באשאפן און געבערן איז די עובדא פון די געטער, זעט מען באַשיינפערלאך פון דער בראשית לעגענדע וועגן ערשטן חטא. דא וועלן מיר זיך דארויף ניט אפשטעלן. עס לוינט זיך אבער צו באמערקן, אז אויך לויט דעם קאפ. 51 פסוק 6 פון תהלים איז דאס געבערן דער מקור פון שלעכטס, פון בייז, וואס דער מענש קען זיך פון

דעם ניט באַפרייען. די מאַמע האָט טאַקע געמעגט באַשמירן מיט איזוב די טיר (באַשמירן די טיר מיט בלוט מיט דער הילף פון איזוב) און דאָך העלפט עס ניט דעם מענשן עס זאָל זיך אים ניט געלוסטן ז י נ ד י ק ן , באַשטרייטן דאָס רעכט וואָס געהערט בלויז די געטער.

אגב אורחא דערמאָנט דאָס באַשטרייכן מיט אַ בינטל איזוב די טיר אָן דער היים־צערעמאָניע באַשריבן אין שמות ; מיט איר זוכט די מאַמע אַרויסצוראַטעווען דאָס לעבן פון קינד, אָפּנאַרן די גאָט־הייט. דאָס בלוט אויף דער טיר איז כ ל ו מ ר ש ט דאָס בלוט פון קינד. אָבער דאָס העלפט ניט. יהוה איז אויפגערעגט דאָס גאַנצע לעבן. ווייל אין מקור איז דער מענש זינדיק, ער איז ג ע ש ל ע כ ט ס ־ פ ע א י ק . וועגן זינד ביי די בני ישראל פאַרגלייך :

Justus Koeberle, Suende und Gnade im religioesen Leben des Volkes Israel bis auf Christentum. 1905, p. 39, 330, 498.

הערות

1) זע וועגן דעם ה. מיינהאָלד Einführung in das Alte Testament S. 179-201.

זע אויך איז דעם אַנדער בוך פונם זעלבן מחבר Weisheit דעם קאַפּיטל וועגן דעם איינפלוס פון נביאים געזעצבוך (ספר דברים).

2) אויפן באָדן פון כנען איז פסח ביזן יאָר 621 פאַר'ן קריסט, געפייערט געוואָרן בלויז אין די פּאַסטוכער קרייזן.

3) מאַקס לעהר.
Israels Kulturentwickelung S. 122-123
E. Meyer, Die Israeliten S. 38. J. Wellhausen, Proleg S. 90, 92.

4) אין דער עלטערער שטיק געזעצגעבונג וואָס שטאַמט פון פאַר יאשיהו'ס צייט; שטייט וועגן פסח גאָר באַזונדער, ניט צווישן די שלש רגלים (שמות ל"ד 25). ערשט אין ספר דברים זיינען די דאָזיקע צוויי יומים טובים, דער חג הפסח און דער הג המצות, פאַראייניקט געוואָרן. דער פאַראייניקונג האָט בודאי אַרויסגעהאָלפן דאָס. וואָס זיי זיינען ביידע געווען פרילינגס יומים-טובים און זיינען ביידע אויס-געפאַלן בערך אין איין צייט.

זע וועגן דעם ביי ה. שוים, גרויסע אידישע געשיכטע ב. III, זייט 143, 144.

אויספירלאַך ווערט דער ענין באַהאַנדלט ביי ב. ערדמאַנ'ס: Das Mazzoth-Fest.

5) פאַרגלייך דערצו דעם קאַפּיטל וועגן דער געשיכטע אַלס לערערין פון חכמה, ביי י. מיינהאלד Weisheit

6) בענציגער Hebräische Archeologie S. 389.

7) שמות יב 15, אויך ווייטער. במדבר כח 16, אויך ווייטער

8) שמות לד און דברים טז.

9) געאָרג בער Pascha S. 9.

10) די עלטסטע שטעל וואו ווערט דערמאַנט אין פאַרבינדונג מיט פסח איז Jubil 49[6].

11) Guthe Dt. 16. Z. f. d .A. T. W. 1918-20 Beiheft

12) G. Beer, Pascha; Kittel Geschichte B. I.
אין אידיש סאָלאָווייטשיק, ז. 117.

13) ראשית בכורי אדמתך תביא בית יהוה אלהיך. דאָס בעסטע פון

ערשטן פון דיין פעלד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון יהוה דיין גאָט.
(שמות כג 19) זוך אונטער כג 19 Eissfeldt. Erstlinge.
(14 G. Beer, Pascha; Kittel Geschichte B. I
(15 פאַרגלייך דערצו: ק. מארטי
Die Religion des A. T. u. d.
Relig. d. v. Orient S. 16.
(16 דער אויסדרוק איז אורשפּרינגלאַך גענומען פון דעם גן עדן מיטאָס, די שטראָמען זיינען דאָרטן ניט ווי דאָ אויף דער ערד פון וואַסער, נאָר פון מילך און פון האָניק.
H. Gressman, Eschatologie, p. 210.
די פאַרשטעלונג איז זיכער ניט אַנטשטאַנען אין קיין פּויערים קרייזן. ביי זיי איז ברויט און קאָרן, אויל און וויין — פון וואָס זיי קענען חלומ׳ען. נאָר ביי נאָמאַדן אָדער האַלבע נאָמאַדן, וואָס לעבן פון מילך און פון האָניק איז דער איבערפלוס אין די רייכקייט אין אָט די גיטער דער אידעאַל.
H. Gressman, Mose und seine Zeit, p. 41.
וועגן די רכבים, זע: דר. אייזענשטאַט, נביאים ז, 77.
(17 פארגל. דערצו ירמיהו ב 2, עמות ה 25, הושע ט 10 י, וועגן דער באַציאונג צום מדבר אידעאַל זע
Meinhold, Einführung in das A. T. S. 122-124.
(18 ביישפילן זע ביי מענעס:
Zeitschr f. d. A. T. W. Band, II. 1925, S. 49.
(19 J. Weelhausen, Prolegomena, S. 90. E. Meyer, Israeliten, S. 38.
(20 דעריין קומען זיך צענויף אַלע וויכטיגסטע ביבל פאַרשער. זע ר. וועלהויזען Prolegomena, S. 90.
אויך מ. סאָלאָוויטשיק, ז. 118.
(21 W. Wundt, Volkerpsychologie, B. 6 p. 467, 468.
. . . דאָס מקריב זיין מענשן איז ניט קיין כאַראַקטער צייכן פון די נאַטור פעלקער. פאַרקערט עס איז צווישן די באַרבאַרן און ביי האַלב-ציוויליזירטע פעלקער אַ סך מער פאַרשפּרייט ווי ביי די עכטע ווילדע. אויף די גאָר נידעריקע קולטור שטופן ווייס מען דערפון אי- בערהויפט ניט... זע
E. Westermarck, Ursprung und Entw. d. mor. Begr. I, p. 363.
(22 E. Westermarck, Ursprung der Moralbegr. S. 350-360.
זע דאָרט אויך אויפגעציילט די פעלקער ביי וועלכע קינדער־קרבנות זיינען פאַרצייכנט געוואָרן.
(23 אַן אויסנאַם איז יחזקאל, וואָס פירט צוריק דעם אורשפּרונג פון מענטשלאַכן קרבן אויף יהוה׳ס אַ געבאָט (יחזקאל ק 20, פ. 26).
עס וואָלט אפשר יאָ געקענט זיין אַ רייד וועגן אַ טעות מצד יחזקאל׳ן

אָבער די פּאָלעמישע שטעלן פון ירמיהו (יט, ז 31) קעגן דעם מענטשלאַכן קרבן, „וואָס איך (יהוה) האָב ניט געבאָטן" צייגן דאָך, אַז אין פאָלק האָט מען דאָך יאָ צוריקגעפירט דעם קינדער קרבן אויף יהוה׳ס ווילן.

פאַרגלייך דערצו Meinhold, Weisheit, S. 333, 242.

24) „איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אייערע יומים טובים, און איך וויל ניט דעם ריח פון אייערע יום-טוב׳דיקע קרבנות — און בשעת איר דערלאַנגט מיר אייערע פייער־ אָפּפער, נעם איך ניט אָן מיט פרייד אייערע מתנות און אויף אייער דאַנק אָפּפער פון פעטע קעלבער קוק איך ניט. אַוועק פון מיר מיטן טומל פון אייערע לידער, דעם ניגון פון אייערע האַרפן וויל איך ניט הערן, זאָל בעסער ווי דאָס וואַסער זיך גיסן די גערעכטיגקייט און די געזעצליכקייט ווי אַ ניט אויפ־הערלאַכער שטראָם" (עמוס).

— צו וואָס דאַרף איך אייערע פיל קרבנות ? — זאָגט יהוה.
איך בין זאַט פון די פייער אָפּפער פון די שעפּסן בעק
און מיט דעם פעטס פון די געשטאָכענע קעלבער
און דאָס בלוט פון די אָקסן, ציגעלאַך און בעק וויל איך ניט...
ברענגט מער ניט קיין ניט-נייטיקע מתנות זיי זיינען פאַר מיר אַ עקלהאַפטער ווייראַך" (ישעיהו).

25) G. Frazer, The dying God, p. 166-170.

דאָרטן זיינען אויך צוזאַמענגעבראַכט די אַלע שטעלן אין תנ״ך וואָס האָבן צו טאָן מיט קינדער-קרבנות.

פאַרגל. אויך גינקעל. H. Gunkel, Genesis, S. 213.

26) H. Gunkel, Genesis, S. 211.

27) מען קען דערפון לייכט זען, אַז די געשיכטע פון עקדת יצחק איז נאָך פאַר׳נביאיש. זי פאַרמאָגט אָבער יענע פיינע שטימונג, וואָס האָט נאָך פאַר דער לעגענדע אָפּגעשאַפט דעם קינדערקרבן. די צייט איז געוואָרן מילדער און פאַרן צערטלאַכן פאָטער איז געוואָרן אוממעגלאַך צו ברענגען זיין ליב קינד פאַר אַ קרבן.

28) E. Meyer, Israeliten, S. 126.

29) E. Westermarck, Urspr. u. Entw. d. Moralbegr, S. 389. 390, 393.

30) אַ פּרואוו צו דערקלערן פאַרוואָס דער בכר ווערט „אויסגעלייזט״ איז אויך די געשיכטע פון עקדת יצחק

31) פאַרגלייך דערצו:
H. Gressman, S. 102, 103.
G. Frazer, The dying God, p. 176, 177.
E. Meyer, Die Israeliten, S. 37.
J. Wellhausen, Prolegomena, S. 90, 91.

ביי וועלהויזען שלומערט נאָך דער געדאַנק אין אַ פאַרנעבלטער

פֿאָרם. ער וויל ניט צוגעבן אַז די בכרים פֿון די עגיפּטער זיינען געטויט געוואָרן מחמת פּרעה האָט ניט געלאָזט מקריב זיין די אידישע בכרים. בנוגע די שאָף און רינדער גיט ער עס אָפּן צו.

32) די דאזיקע טעאָריע פֿון קרבן איז בשום אופן ניט די עלטסטע, זי געהערט צו דער צייט ווען די אידייע פֿון אייגענטום נעמט שפּילן אַ פּירענדיקע ראָל אין דער רעליגיע, און רעליגיע ווערט פֿאַרוואַנדלט אין דער קונסט צו געבן עטוואָס כדי שפּעטער צו קריגן פֿיל מער.
E. O. James, Primitive Ritual, p. 116.

זע אויך
Jevons, Introduction to the history of Religion, p. 223.

33)
W. Wundt, Völkerpsychologie, v. 4, Mythos und Religion, S. 929.

34) ביי די מערב פֿעלקער איז דאָס בלוט פֿאַרביטן געוואָרן אויף וויין, ביי די אינדיאַנער אויף דעם סאָמאַ־געטראַנק וואָס האָט אַ באַרוישנדיקע ווירקונג.

35) Wundt, Völkerpsychologie, v. 4. Mythos u. Rel., S. 930.

36) Benzinger, Hebr. Arch.
W. Wundt, Voelkerpsychologie, Myth. u. Rel. B. 6, S. 184.

צום ערשטן מאָל, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז דער געדאַנק אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿון
J. Wellhausen, Proleg., S. 91.

37) אַ ראיה פֿאַר דעם אַז אין דער היסטאָרישער צייט איז די גאָב פֿון בעסטן געווען די טעאָריע פֿון קרבן, זיינען די שטעלן אין שמואל א (ב 29 ; י"ה 21) וואו דער פֿאַרפֿאַסער איז אויפֿגעבראַכט אויף די נידערטרעכטיקע זין פֿון עלי'ן, וואָס נעמען פֿאַר זיך אַוועק די בעסטע שטיקער, וועלכע מען ברענגט אין הייליקטום פֿון שלה — זיי געהערן יהוה'ן . . .

38) O. Eissfeldt, Erstlinge u. Zehnte, S. 22.

39) O. Eissfeldt, Erstlinge, S. 27.

40) Curtiss, Primitive semitic relig., p. 117.

41) Steuernagel. Lehrbuch der Einleit.
וועגן געבורט מנהגים זע אויך זאַמטער:
Geburt Hochzeit, S. 187.

42) בכורים 47b, 46a, 2, VIII.

43) בכורים 46b, 46a, VIII.

44) זוך אונטער פּרימאָגעניטור אין דער Jewish Encyclop.

45) A. Barton, Archeology and the Bible, p. 330.

46) זע דערצו Levy-Brühl, Das Denk. Prim. Völk, S. 225-231

E. Westermarck, The History of Human Marriage, 6th edition

(באנוץ זיך מיטן אינדעקס).

זוך אונטער טאבו, אין
E. Westermarck, The hist. of hum. marriage.

אויפפירלאַך די פאַקטן צוזאַמענגעקליבן ביי ג. פרייזער
Taboo and the perils of the soul, p. 145-156.

47) Samter, Geburt Hochzeit, S. 22, Anm. 2.

48) Krauss, Talmudische Archeologie.

49) E. S. Hartland, Prim. Paternity, v. I, p. 31.
H. Ploss, Das Weib, vol. I, S. 314-316.

50) דער העברעאישער אויסדרוק דודים ווערט אידענטיפיצירט מיט
Mandarake אין העברעאיש נעמט זיך דער אויסדרוק פון דוד —
באַליבט. פאַרגלייך דערצו בראשית ל 14 דודאי, אויך בראשית ל 15, 16, זע
Fr. Brown, S. R. Driver. Hebrew and English Lexicon,
S. 178, 188.

אַז די דודים באַטייטן די ליב-עפּעלאַך Mandarake דרינגט מען פון
דער סעפּטואגינטא און פון יאזעפוס פלאוויאוס.
Antiquit. Jud. I, 198.

אויך פון דער וואולגאטע

אַ קאָלירט בילד פון מאנדארייק קען מען זען ביי
J. Sibthrops, Flora Graeca, vol. III (no. 232).

אַן קאָלירן ביי
Hendel Harris, The Ascent of Olympus, S. 107.

51) דאָס איז די טראַדיציע וועגן יוספ׳ס געבורט. זיין מוטער האָט
געגעסן פון די דודים, איז שוואַנגער געוואָרן און געבאָרן יוסף׳ן.
אַ שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר איז אָבער דער ענין אויסגעקומען פרעמד,
ניט פאַרשטענדלאַך, האָט ער אַריינגעבראַכט אַ נייע מאָטיווירונג
ויזכר אלהים את רחל וישמע אליה ויפתח את רחמה (בראשית ל 22).
פאַרגלייך דערצו:
H. Gunkel, Genesis 3, S. 335.
G. Frazer, Folklore, vol. II, p. 372-373.

52) W. Wundt, Völkerpsychologie, Band 6, S. 187.
E. S. Hartland, Prim. Paternity, vol. I, p. 37.

53) Curtiss, p. 115.

54) Curtiss, p. 116.
Palest. Expl. Fund 1899, p. 158-149.

צו דעם אָנגעוויזענעם מיטן מת גיט נאָך קורטיס צו:

It may be that they felt that inasmuch as the man had been released by death from previous nuptuls and was free, as a disembodied spirit he was endowed with supernatural powers to give them the joy and motherhood by proximity to his dead body.

אַלס קוריאָז מעג פאַרצייכנט ווערן אויך אַן אַנדער פאַל:

אין יאָר 1637 האָט דער פּאַרלאַמענט אין גרענאָבל באַשטעטיקט די לעגאַלע געבורט פון אַן אינגל, וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי אַ פרוי פיר יאָר נאָכדעם ווי דער מאַן אירער האָט זי פאַרלאָזן. דער מאָטיוו איז געווען

Dass obgleich ihr Gemahl aus Teutschland unter 4 Jahren nicht kommen wäre, Sie ihr auch nicht gesehen noch fieischlich erkant hätte, so ware nichts desto weniger gar zu gewiss, das sie ihr im Traume die gegenwart und Umffassung ihres Gemahls feste eingemeldet und alle Empfindungen, sowohl der Emfängniss als Schwangerung so accurat gefühlet hätte, als sie sonsten bey wurcklichen gegenwart könne. H. Ploss, Das Weib, vol. I, p. 335.

(55 S. Curtiss, p. 116

Oh Abu Rabah
To thee come the white ones
To thee come the fair ones
With thee is the generation
With us is the conception.

(56 Brown and Driver Lexicon, p. 1028.
Frazer, Adonis, Osiris Attis, p. 78.
K. Budde, Die Bücher Samuel, p. 10, 11.

(57 אַ פאַרצייכעניש פון ליטעראַטור וועגן סופּערנאַטוראַלן געבורט קען מען געפינען ביי ב. מאָלינאָווסקי The Family בישפּילן קען מען אויך געפינען ביי ק. פּלאָס Das Kind, S. 18-37. און Das Weib, vol. I, 332-35

(58 די זין פון גאָט, בני אלהים, מיינען אייגנטלאַך געטער. פּונקט ווי די בני הנביאים באַטייטן איינפאַך: נביאים. עס איז אַ ספּעציפיש העברעאישער אידיאָם, ביישפּילן זע ביי
Brown-Driver, Lexicon, p. 121.

(59 Frazer, Osiris, Attis. Adonis, vol. I, p. 79.

אין גריכנלאַנד האָט מען פון דער פּיטיע (דער נביאה׳טע פון דעלפישן אָראַקול) פאַרלאַנגט זי זאָל איר גאַנצן לעבן פאַרבלייבן אַ בתולה, ווארים כדי נביאות זאָגן מוז זי אויפנעמען אין זיך גאָט.

זי ליגט אויפן געלעגער און זי נאַרט אוים ביים גאָט דאָס, וואָס וואָלט געוויינטלאַך געווען אויסבאַהאַלטן.

די דאָזיקע פאַרהעלטעניש צווישן דעם גאָט איז דער נביאה׳טע איז, ווי מיר שיינט, אַ שפּיגל פון די פאַרהעלטענישן צווישן מאַן און פרוי: פּונקט ווי דלילה אַ שטייגער זוכט ביי שמשונען אויסצוגעפינען אין וואָס זיין גבורה איז פאַרבאַהאַלטן און מיט דער מאַכט פון שמשון׳ס הייסער ליבע צו איר קריגט זי אַרויס דעם ענטפער, אַזוי ליגנדיק אויפן געלעגער מיטן גאָט נאַרט די נביאה׳טע אַרויס פון אים דעם

גורל פון לענדער און פון פעלקער, דעם אויסגאַנג פון מלחמות און דעם מזל פון יחידים.

אויך די פאָדערונג, אַז די נביאה׳טע (די פּיטיע) זאָל אויף איר גאַנצן לעבן פאַרבלייבן אַ בתולה, זי זאָל מיט קיינעם פון די שטערב־לאַכע ניט קומען אין געשלעכטלאַכער מגע און משא איז אַ פירונג אַריבערטראָגן פון מענשלאַכן אויפן געטלאַכן און אַ זעלבסטפאַר־שטענדלאַכע קאָנסעקווענטע אויסברייטונג פון דעם געדאַנק, אַז די נביאה׳טע שטייט מיט דעם גאָט אין אַ שייכות פון מאַן און ווייב.

זע וועגן דעם Fehrle, Kultische Keuschheit, S. 7.

60) ווען ירמיה רעדט וועגן די בני ישראל, וואָס זאגן צו א בוים „דו ביסט מיין פאטער" און צו א שטיין, „דו האסט מיר געבראכט אויף דער וועלט" (ירמיה ב 27) באנוצט ער זיך דא ניט מיט קיין רעטארישע פראזן. ער דריקט אוים די ווירקלאכע גלויבונגען פון זיין צייט. פארגל.
Frazer, Osiris Attis, S. 107, vol. I.
G. Beer, Steinverehrung.

61) E. Hartland, Prim. Paternity, vol. I, p. 254.
B. Malinovski, The Family, p. 128, 179-183, 208-233.

62) זע וועגן דעם:
E. Westermarck, Hist .of hum. marriage, 5 ed. I, p. 291-293.
E. S. Hartland, Primitive Paternity, vol. 2, p. 249, 253, 254.

הארטלאנד זאגט צווישן אנדערש:
Every woman in the lower stages of culture very wide-spread. It is not only unproductive but it impairs fertility. Even where the true cause of birth has been discovered it has been nowhere held invariable and undispensable. In Australia and a few other countries it is still unrecognized.

63) H. Gunkel, Genesis, S. 24 ,25.

64) Menes, Z. f. A. T. W. Band 2, 1925.

65) אין פראנצויזיש האט נאך דעם זעלבן מיין באהאלטן דער אויסדרוק Cowrir sur le ventre זע לאַנדעם Glosarie erotique ציטירט לויט דר. לעווים אַרטיקל איבער בראשית.

66) אויף אָט דער שטעל קען מען זען די פארלעגנהייט פון די קאָמענטאַטאָרן וואָס ווילן ניט פאַרשטיין סעקסועל די געשיכטע. עס פעלט ביי זיי די באַציאונג צווישן שולד און שטראָף. וואָס פאַר אַן אומזיניקע שטראָף דאָס איז: שוואַנגערשאַפט, געבורטסווייען פאַר עסן אַן עפל!

67) וועגן דער יום פרימע נאקטים זע
H. Gressman, Mose, S. 57.
H. Ploss, Das Weib, vol. I, S. 502-406.

שפעטער ווערט דער געדאנק וועגן דער יום פרימע נאקטים אריבער־געטראגן פון די דעמאנען, אויף דער איינצלנער גאטהייט, אויף יהוה׳ן. וועגן די אורזאכן וואס האבן דערצו געפירט זע אונזער ביילאגע 1.

אין פאַרבינדונג מיט דער אויבנגעבראַכטער גלויבונג דאַרף דערמאָנט
ווערן דער מנהג ביי אַ גרויסער צאָל פּרימיטיווע פעלקער, אָפּצוהאַלטן
זיך פון געשלעכטלאַכער מגע ומשא מיט פרויען אין צייט פון מלחמה.
דער שכל דערפון איז קלאָר. מלחמה־צייט איז די קריטישסטע צייט,
ווען דער מענש איז אָנגעוויזן אויף דער הילף פון זיין גאָט — עס
וואָלט פּשוט געווען ניט קלוג צו דערצאָרענען זי דעמאָלט. ליטעראַטור
פאַרצייכעניש זע ביי Frazer, Taboo, p. 164.

(68 H. Gressman, Mose, S. 58.
E. Meyer, Israeliten, S. 59.

(69 H. Gunkel, A. f. P., F. II, S. 19.
H. Gressman, Mose ,S. 60.

(70 לויט דעם עלטערן נוסח האָט משה חתונה געהאַט ניט פאַר
יציאת מצרים, נאָר ערשט נאָכן אָנקומען אין קדש. אַ זכר דערפון איז
פאַרבליבן אין במדבר י״ב, פסוק 1.
H. Gunkel, A. f. P. F. II, p. 18.

(71 זע ביילאַגע V.

(72 זע דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט פאַרטראָטן ביי ג. ריכטער:
Blutbrautigam (Z. f. d. A. T. W., vol. 39, 1922).
אויך Kittel, Geschichte, Band, I, S. 233, Bemerk. 4.

(73 אויספירלאַכער: E. Meyer, Israeliten, S. 59.
H. Gressman, Mose S. 58.

(74 בראשית י״ז 2 ; ויקרא י״ב 13.

(75 H. Gressman, Mose, S. 58.
H. Gressman, Mose 61.

(76 H. Gunkel, A. f. P. F., v. II, S. 17.
Marti, Geschichte Israels Relig., S. 43.
K. Andree, Die Beschneidung, S. 75.
E. Westermarck, Hist. of hum. mar., vol. I. p. 563.
L. Levy-Brühl, Das Denk. prim. Naturvoelker, S. 312-318.
Frazer, The Golden Bough, VIII, p. 422.
Webster, Prim. secret societies, p. 21-58.
זע אויך ביילאַגע IV.

(77 H. Ploss, Das Weib, S. 390.
I. Abrahams, Jewish life, p. 90, 167.
J. Wellhausen, Prolegomena 2, S. 360.
זע ביילאַגע II.

(78 Nowack, Hebr. Archeologie, vol. I, p. 162.
Levy-Brühl, Das Denk. Naturvoelk, S. 314.

(79 Brown, Driver, Lexicon, p. 368.

(80 זע ביילאַגע II.

(81 קראולי. מיסטיטשעסקאיא ראזא (רוסיש) זייט 7.

(82 וועגן דעם אָפּווער פון בייזע גייסטער בעת דער שוואַנגערשאַפט
זע H. Ploss, Das Kind, S. 447-450.

83) אין קאָסטאַ־ריקא, למשל, גלויבט מען, אַז די פרוי וואָס ווערט צום ערשטן מאָל שוואַנגער מאַכט „אומריין” די גאַנצע געגנט. מען שרייבט זי צו אַלע טויטנפאַלן. אין די עלטערע צייטן פלעגט דער מאן מוזן גוטמאַכן אַלע שאדנס, זע וו. מ. גאב.
Indian Tribes, p. 504, 505.

די בייזע השפעה ווערט צוגעשריבן די גייסטער בו־קו־רו־. ביבליאָגראַפישע אנווייזונגען וועגן עניין ביי Frazer, Taboo, p. 145-156.

פאַרקירצונגען.

A. f. P. F. — Archiv für Papyrusforschung und verwandte Gebiete herausg. v. A. Wilcken, Leipzig.

A. f. d. A. — Archiv für die Antropologie.

Z. f. d. A. T. W.—Zeitschrift für die Alt Testamentliche Wissenschaft.

Imago — Imago. Zeitschrift für Anwendung der Psychoanalyse auf die Geisteswissenschaften herausg. v. S. Freud.

P. E. F. — Palestine exploration fund Quarterly Statement, Lndon.

ביבליאָגראַפֿיע

1) I. Abrahams, Jewish life—Jewish life in the middle ages, Philadelphia, 1903.

2) R. Andree, Die Beschneidung—Die Beschneidung (A. f. d. A. Band XII אָפּגעדרוקט אין)

3) G. A. Barton, Archaeology—Archeology and the Bible. Philadelphia, 1916.

4) G. Beer, Pascha—Pascha oder das jüdische Osterfest. 1911.

5) J. A. Bewer, The Literature—The Literature of the Old Testament in its historical development. New York, 1922.

6) Benzinger, Hebr. Arch.—Hebraischce Archeologie, 1907.

7) Benzinger, Passover (Encyclopedia Biblica).

8) F. Buhl, Die Socialen Verhältnisse der Israeliten. Berlin, 1899.

9) L. Blau, Das Altjüdische Zauberwesen. Berlin, 1914.

10) G. Beer, Steinverehrung bei den Israelitten. 1921.

11) K. Budde, D. B. Samuel—Die Bücher Samuel. Leipzig, 1902.

12) S. I. Curtiss—Primitive semitic religion today. 1902.

13) B. Erdmans, Das Mazzoth Fest (Orientalische Studien T. Nödelke zum 70 Geburstage gewidmet. Giessen 1906).

14) O. Eisfeldt, Erstlinge—Erstlingen und Zehnten im Alten Testament. 1917.

15) H. Gunkel, Genesis—Genesis (Handkommentar zum Alt. Test.) Gottingen. 1902.

16) H. Gunkel, Beschneidung—Uber die Beschneidung im Alt. Testam. (A. f. P. F. Band II).

17) H. Gressman, Mose—Mose und seine Zeit (Ein Handkommentar zu den Mose-sagen. Gottingen, 1913.

18) H. Guthe, Dt. 16—Deutoronomium 16 (Z. f. d. A. T. W. 1918-1920, Beihefte).

19) W. M. Gaab, Indian Tribes—On the Indian tribes and languages of Costa Rica (Proceedings of the American Philosophical Society, vol. XIV, 1875).

20) A. Goldenweiser, Early Civilization.

21) G. Horne, G. Aiston, Savage life in Central Australia. 1924.

22) E. S. Hartland, Prim. Patern.—Primitive Paternity. 2 vol. 1909.

23) E. S. Hartland, Prim. Law—Primitive Law. London, 1924.

24) E. S. Hartland, Primitive Society. 1924.

25) J. Hehn, Sünde—Sünde und Erlösung im Alten Testament.

26) E. James, Primitive ritual and belief. 1917.

27) A. Jirku, Dämonen—Die Dämonen und ihre Abwehr in Alten Testament. 1912.

28) A. Jirku, Volksrel—Materialien zur Volksreligion Israels. 1914.

29) A. Jirku, Gesch. Isr.—Die ältesteste Geschichte Israels. 1917.

30) E. Fehrle, Keuschheit—Die Kultische Keuschheit in Altertum.

31) J. G. Frazer, Folklore—Folklore in the Old Testament, vol. 1-3. 1918.

32) J. G. Frazer, Taboo—Taboo and the perils of the Soul. 1911.

33) J. G. Frazer, The dying God. 1912.

34) J. G. Frazer, Magic—Magic art and the evolution of Kings. 1911.

35) J. G. Frazer, Phyche's Task. (a discourse concerning the influence of superstition on the growth of institutions.) London, 1909.

36) J. G. Frazer, Adonis—Adonis, Attis Osiris studies in the history of oriental religion. 1919.

37) G. Kittel, Geschichte—Geschichte des Volkes Israel. Gothe, 1912. 2 vol. 1909.

38) Krauss, Talm. Arch.—Talmudische Archeologie. 3 vol. 1910-1912.

39) J. Koeberle, Sünde und Gnade in religiösen Leben des Volkes Israel. 1905.

40) L. Levy, Sexualsymbolik—Sexualsymbolik in der biblischen Paradiesgeschichte. (Imago Band V, 1917-1919).

41) L. Levy-Brühl, Naturvoelker—Das Denken der Naturvoelker übers. v. W. Jerusalem. 1921.

42) M. Loehr, Israels Kult. Entw.—Israels Kulturentwicklung. 1917.

43) M. Loehr, Die Stellung—Die Stellung des Weibes zu Jahwe Religion und Kult. Leipzig, 1908.

44) Evaristus Marder, Die Menschenopfer. 1909.

45) E. Meyer, Israeliten—Die Israeliten und ihre Nachbarstämme. Halle, 1906.

46) E. Meyer, Elephantine — Der Papyrusfund von Elephantine. Leipzig, 1912.

47) J. Meinhold—Einführung in das Alte Test. 1919.

48) H. Meinhold, Weisheit—Die Weisheit Israels in Spruch, Sage und Dichtung. 1908.

49) Marti, Geschichte der Israelitischen Religion. 1877.

50) Marti, Die Relig. des Alt. Test. unter den Religionen des vorderen Orients. Tubüngen, 1906.

51) Malinowski, Argonatus of the Western Pacific. 1922.

52) B. Malinowski, The Family Among the Australian Aborigines (University of London Monographs on Sociology vol. 2). 1913.

53) A. Menes, Die sociale Analiese der Urgeschichte (Z. f. d. A. T. W. 2ter Band Heft., 12; 1925, S. 49).

54) Müller-Lyer, Die Familie. 1911.

55) Nowack, Archeol.—Lehrbuch der Hebräischen Archeologie. 1894.

56) H. H. Ploss, Das Weib in der Natur und Völkerkunde. 2 vol. Leipzig, 1891.

57) H. H. Ploss, Das Kind in Brauch und Sitte der Völker. 2 vol. 1876.

58) J. Preuss, Biblisch-Talmudische Medicin.

59) Puukko, Das Deuteronomium. 1910.

60) G. Richter, Blutbrautigam—Der Blutbrautigam (Z. f. d. A. T. W.) vol. 39 (1912) S. 123.

61) G. Roheim, Australian Totemism.

62) H. Strack, Pesachim, der Mishnatraktat Pesachfest. 1911.

63) E. Samter, Geburt—Geburt, Hochzeit und Tod. Leipzig, 1911.

64) Steuernagel, Lehrbuch—Lehrbuch der Einleitung in das Alte Testament. 1912.

65) J. Skimmer, Genesis (Intern. Critical commentary). New York, 1910.

66) R. Smith, Kinship and marriage in early Arabia. 1903.

67) B. Spencer, Native of the northern territory of Australia. 1914.

68) B. Spencer and F. Gillen, Across Australia. 1912.

68a) Spencer, The Native Tribes of Central Australia.

69) K. Schmidt, Jus primae noctis. (Ein geschichtliche Untersuchung).

70) K. Schmidt, Antwort auf die Abhandlung des M. Kulischer über das Jus primae noctis.

71) K. Schmidt, Slavische Geschichtsquellen zur Streitfrage über das Jus primae noctis.

72) K. Schmidt, Der Streit über das Jus primae noctis.

73) Thompson, Magic—Semitic Magic. 1908.

74) D. Voelter, Pasah—Pasah und Mazzoth und ihr äegyptisctes Urbild. Leiden, 1912.

75) D. Voelter, Der Ursprung von Passah und Mazzoth. Leiden, 1913.

78) P. Wedland, Beschneidung—Die hellenistichen Zeugnisse über die agyptische Beschneidung (A. f. P. F. Band II).

79) A. Wilcken, Beschneidung—Die Aegyptische Beschneidungsurkunden (A. f. P. F. Band II).

80) J. Wellhausen, Prol.—Prolegomena zur Geschichte Israels 2te Aus. Berlin, 1883.

81) E. Westermarck, Moralbegriffe—Ursprung und Entwicklung der Moralbegriffe. Leipzig, 1909.

82) E. Westermarck, Hist. of hum. mar.—The history of human marriage. Fifth edition rewritten. London, 1921.

83) W. Wundt, Völkerpsychologie, Mythos und Religion. Band IV (1920 B. V. B. VI.)

84) W. Wundt, Volkpsychology—Elements of folkspsychology. Authorized translation by S. L. Straub. 1916.

85) ה. קונאָוו. די אנטשטייאונג פון רעליגיע און גלויבן, פאַרלאַג די וועלט. וואַרשע. איבערזעצט פון דייטש.

86) דר. ש. אייזענשטאַט. די נביאים, ווילנע, 1925

87) מ, סאָלאָוויטשיק. יסודות פון דער אידישער קולטור געשיכטע. איבערזעצט פון רוסיש דורך דר. ש. אייזנשטאַט. 2 טיילן, ווילנע, 1923

88) ח. שוים. די גרויסע אידישע געשיכטע ניו יאָרק 1919—1925.

אינהאַלט פאַרצייכעניש:

ה ק ד מ ה .... 7—10

קאפיטל I) א ר י י נ פ י ר .... 11—14

קאפיטל II) פסח אין דער מלוכה־צייט ביזן יאר 621 פ. ק. .... 15—16

קאפיטל III) פסח עלטער פאר דער כנענישער צייט 17—19

קאפיטל IV) קרבנות .... 20—31

קאפיטל V) די מאטיווירונג פון קרבן „אלס דאס בעס־טע וואס דער מענש פארמאגט" — ניט אור־שפרינגלאך .... 32—38

קאפיטל VI) די „בכורה" אין דער תלמודישער ליטע־ראטור .... 39—43

קאפיטל VII) די אומקלארע „פאטערניטעט" אין אל־טערטום .... 44—50

קאפיטל VIII) די אומקלארע „פאטערניטעט" אין אל־טערטום (המשך) .... 51—58

קאפיטל IX) פארוואס „געהערט" דער בכר צו יהוהן (סכנות ביים געבורט, דער בכר, דאס מקריב זיין פון בכר) .... 59—63

קאפיטל X) פארוואס געהערט דער בכר צו יהוהן (המשך) .... 64—65

קאפיטל XI) די פריווילעגיעס פון בכר .... 66—68

קאפיטל XII) דער אורשפרונג און די אנטוויקלונג פון חג־הפסח .... 69—72

ש ל ו ם .... 73—76

ביילאגעם:

ביילאגע I) צו דעם אויפקום און צו דער באדייטונג פון jus primae noctis .... 79—82
ביילאגע II) חתונה-צערעמאָניעם ביי פארשידענע פעלקער .... 82—87
ביילאגע III) וועגן די מאָטיוון פון מקריב זיין דעם בכר .... 87—94
ביילאגע IV) צו דער באדייטונג פון ברית מלה .... 94—96
ביילאגע V) צו דער אינטערפרעטאציע פון שמות ד. 96—97
ביילאגע VI) צו די גלויבונגען וועגן איבערנאטירלאכן געבורט .... 97—98
ביילאגע VII) היסטאָרישע ספעקולאציעם .... 99—101
ביילאגע VIII) די טאָביאס-געשיכטע (איבערדערציילט) 101—103
ביילאגע IX) געשיכטלאכע שייכות'ן .... 103—109
ביילאגע X) דאָס מקריב זיין פון קינדער צום מלך .... 109—118
ביילאגע XI) זינד און פארברעכן ביי די אידן פאר־צייטן .... 118—120
הערות .... 123—131
ביבליאָגראפיע .... 135—139

אַרבעטן פון אידישן היסטאָרישן סעמינאַר

אונטער דער לייטונג

פון דר. יעקב שאַצקי

אַ ר ו י ס פ ו ן ד ר ו ק:

באַנד I ח. ב ע ז פ ר אַ ז ו ו אַ נ י — דער אורשפרונג פון פסח

א י ן ד ר ו ק:

באַנד II ש ל מ ה ב אַ ר ק י ן — דער קאַמף פאַר אידישע עמאַנציפּאַציע אין ענגלאַנד (1858—1828).

א י ן פ אַ ר ב ע ר י י ט ו נ ג:

באַנד III י ח ז ק א ל ל י פ ש י ץ — אהרן ליבערמאַן און זיין תקופה (דער אָנפאַנג פון אידישן סאָציאַליזם)

באַנד IV מ ש ה ש ט אַ ר ק מ אַ ן — א. מ. שאַרקאַנסקי. זיין לעבן און ליטעראַרישע טעטיקייט.

באַנד V ד ב ו ר ה ט אַ ר אַ נ ט — יעקב גאָרדין און די „ביבלייסקאַיע בראַטסטוואָ" אין רוסלאַנד.

באַנד VI צו דער געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע. (זאַמלונג).

באַנד VII די עפּאָכע פון ברחנים. (ביאָ־ביבליאָגראַפישע מאַטע־ריאַלן) צוזאַמענגעשטעלט פון אַ קאָלעקטיוו מיט אַ איינ־לייטונג פון דר. יעקב שאַצקי.